בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

## מעשה מאורח

כסלו ה'תשפ"ו לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

אורח נכנס לבעל הבית
והיו משיחים יחד עד...
בלייב נישט שטיין
אני אֶלְמַד עמך
עד אחר פתח ביתו
נוכח פני ה׳
והתחיל לפרוח עמו
קח לך מלבוש
עס איז נאך דא א שטוב?!
דעם רבי׳נס הייל
ומצא שם ספר
׳רצוא ושוב׳
אני הולך אצלך
ולא נסתיים
הסוד של חנוכה

מכון טעם זקנים
שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז״ל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה״ב
**1-845-200-0443**
(ארה״ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות
העתקת הטייפס ולהדפיסם,
וכמו־כן כדי לקבל את
הקונטרסים דרך הדואר (בכל
שבועיים) במחיר חודשי של $30
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות
שי״ל על־ידינו:
בקו ׳מערכת ברסלב׳
**ארה״ק:** 02.560.7387
**ארה״ב:** 646.585.2985
**ענגלאנד:** 0330.390.0487
**בעלגיע:** 03.808.1775

# מעשה מאורח

חיי מוהר"ן אות פ"ה

## תקס"ט. א' דַּחֲנֻכָּה אַחַר הַדְלָקַת נֵר חֲנֻכָּה בַּלַּיְלָה

אוֹרֵחַ נִכְנַס לְבַעַל־הַבַּיִת וְשָׁאַל לְבַעַל־הַבַּיִת מֵאַיִן פַּרְנָסָתְךָ. וְהֵשִׁיב לוֹ אֵין לִי פַּרְנָסָה קְבוּעָה בְּבֵיתִי רַק מְחָיָתִי מִן הָעוֹלָם. וְשָׁאַל לוֹ, מָה אַתָּה לוֹמֵד, וְהֵשִׁיב לוֹ. וְהָיוּ מְשִׂיחִים יַחַד. עַד שֶׁנִּכְנְסוּ בְּתוֹךְ שִׂיחַת דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב. וְהִתְחִיל הַבַּעַל־הַבַּיִת לְהִשְׁתּוֹקֵק וּלְהִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד אֵיךְ מַשִּׂיגִים וּמַגִּיעִים לְאֵיזֶה דְּבַר מַעֲלָה שֶׁבִּקְדֻשָּׁה. אָמַר לוֹ הָאוֹרֵחַ, אֲנִי אֶלְמַד עִמְּךָ. וְתָמַהּ הַבַּעַל־הַבַּיִת, וְהִתְחִיל לַחֲשֹׁב אוּלַי אֵינוֹ בֶּן אָדָם כְּלָל. אַךְ חָזַר וְרָאָה שֶׁהוּא מְדַבֵּר עִמּוֹ כְּדֶרֶךְ בְּנֵי אָדָם. אַךְ תֵּכֶף נִתְחַזֵּק הָאֱמוּנָה אֶצְלוֹ לְהַאֲמִין בּוֹ. וְהִתְחִיל תֵּכֶף לְקָרְאוֹ רַבִּי, וְאָמַר לוֹ, קֹדֶם כָּל אֲנִי מְבַקֵּשׁ לִלְמֹד מִכֶּם אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בִּכְבוֹדְכֶם, וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר שֶׁאֶפְגֹּם מַמָּשׁ בִּכְבוֹדְכֶם חַס וְשָׁלוֹם, רַק אַף־עַל־פִּי־כֵן בֶּן אָדָם קָשֶׁה לוֹ לְהִזָּהֵר לְגַמְרֵי כָּרָאוּי, עַל־כֵּן אֲנִי רוֹצֶה שֶׁתְּלַמְּדוּנִי אֵיךְ לִנְהֹג בִּכְבוֹדְכֶם. וְהֵשִׁיב לוֹ כָּעֵת אֵין לִי פְּנַאי, בְּעֵת אַחֵר אָבוֹא אֶצְלְךָ וַאֲלַמֶּדְךָ זֹאת, וְכָעֵת אֲנִי צָרִיךְ לֵילֵךְ מִכָּאן. וְאָמַר לוֹ גַּם עַל זֶה אֲנִי צָרִיךְ לִלְמֹד מִכֶּם כַּמָּה אֲנִי צָרִיךְ לְלַוּוֹת אֶתְכֶם, וְאָמַר לוֹ, עַד אַחַר הַפֶּתַח.

וְהִתְחִיל לַחֲשֹׁב אֵיךְ אֵצֵא עִמּוֹ כִּי כָעֵת אֲנִי עִמּוֹ בֵּין הַבְּרִיּוֹת וְאִם אֵצֵא עִמּוֹ לְבַדּוֹ מִי יוֹדֵעַ מִי הוּא, וְשָׁאַל לוֹ, וְאָמַר לוֹ יֵשׁ לִי פַּחַד לָצֵאת עִמָּכֶם. הֵשִׁיב לוֹ, אִם אֲנִי יָכוֹל כָּזֹאת לִלְמֹד עִמְּךָ, גַּם עַתָּה אִם אֶרְצֶה לַעֲשׂוֹת לְךָ אֵיזֶה דָּבָר מִי יִמְחֶה בְּיָדִי. וְיָצָא עִמּוֹ מִן הַפֶּתַח. וַאֲזַי תֵּכֶף חָטַף אוֹתוֹ וְהִתְחִיל לִפְרֹחַ עִמּוֹ, וְהָיָה קַר לוֹ וְלָקַח מַלְבּוּשׁ וְנָתַן לוֹ, וְאָמַר לוֹ, קַח זֶה הַמַּלְבּוּשׁ וְיִיטַב לְךָ וְיִהְיֶה לְךָ אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְכָל טוּב וְתֵשֵׁב בְּבֵיתְךָ. וּפָרַח עִמּוֹ.

בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ. וְלֹא הָיָה מַאֲמִין בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא בְּבֵיתוֹ, אַךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא מְדַבֵּר עִם בְּנֵי אָדָם וְאוֹכֵל וְשׁוֹתֶה כְּדֶרֶךְ הָעוֹלָם. בְּתוֹךְ כָּךְ חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא פּוֹרֵחַ כְּבַתְּחִלָּה, חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ, חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא פּוֹרֵחַ, וְכֵן הָיָה מִתְנַהֵג זְמַן רַב.

אַחַר־כָּךְ הוֹרִיד אוֹתוֹ בֵּין שְׁנֵי הָרִים בְּגַיְא, וּמָצָא שָׁם סֵפֶר וְהָיוּ בּוֹ צֵרוּפֵי אוֹתִיּוֹת אז"ח הוּא ד' וְכוּ'. וְהָיָה מְצֻיָּר בְּהַסֵּפֶר כֵּלִים וּבְתוֹךְ הַכֵּלִים הָיוּ אוֹתִיּוֹת. גַּם הָיָה בְּתוֹךְ הַכֵּלִים אוֹתִיּוֹת שֶׁל הַכֵּלִים שֶׁיְּכוֹלִין לַעֲשׂוֹת עַל יָדָם אֵלּוּ הַכֵּלִים. וְהָיָה לוֹ חֵשֶׁק מְאֹד לִלְמֹד אֶת הַסֵּפֶר. בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ, חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא שָׁם. וְהִתְיַשֵּׁב עַצְמוֹ לַעֲלוֹת אֶל הָהָר אוּלַי יִמְצָא שָׁם אֵיזֶה יִשּׁוּב. וּכְשֶׁבָּא אֶל הָהָר רָאָה עוֹמֵד שָׁם אִילָן שֶׁל זָהָב עִם עֲנָפִים שֶׁל זָהָב וְעַל הָעֲנָפִים תְּלוּיִים כֵּלִים כְּמוֹ אֵלּוּ הַכֵּלִים הַמְצֻיָּרִין בַּסֵּפֶר, וּבְתוֹךְ הַכֵּלִים הָיוּ כֵּלִים שֶׁעַל יָדָם עוֹשִׂים אֵלּוּ הַכֵּלִים. וְהָיָה חָפֵץ לִקַּח מִשָּׁם הַכֵּלִים וְלֹא הָיָה יָכוֹל, מֵחֲמַת שֶׁהָיוּ נִסְבָּכִים שָׁם עַל הָעֲנָפִים שֶׁהָיוּ בְּעַקְמִימִיּוֹת. בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ.

וְהָיָה לוֹ פְּלִיאָה גְּדוֹלָה מַה זֹּאת שֶׁהוּא פַּעַם בְּכָאן וּפַעַם שָׁם. וְהָיָה חָפֵץ לְסַפֵּר זֹאת לִבְנֵי אָדָם, אַךְ אֵיךְ מְסַפְּרִין פְּלִיאָה כָּזוֹ לִבְנֵי אָדָם מַה שֶּׁאֵין רָאוּי לְהַאֲמִין. בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל מִן הַחַלּוֹן וְרָאָה אֶת הָאוֹרֵחַ הַנַּ"ל, וְהִתְחִיל לְבַקֵּשׁ אוֹתוֹ מְאֹד שֶׁיָּבוֹא אֶצְלוֹ, וְאָמַר לוֹ אֵין לִי פְּנַאי כִּי אֲנִי הוֹלֵךְ אֶצְלְךָ. אָמַר לוֹ זֶה בְּעַצְמוֹ נִפְלָאת בְּעֵינַי, הֲרֵי אֲנִי כָּאן וּמַה זֶּה שֶׁאַתֶּם הוֹלְכִים אֶצְלִי? הֵשִׁיב לוֹ, בְּשָׁעָה שֶׁנִּתְרַצֵּיתָ לֵילֵךְ עִמִּי לְלַוּוֹת אוֹתִי מִן הַפֶּתַח אָז לָקַחְתִּי מִמְּךָ הַנְּשָׁמָה וְנָתַתִּי לָהּ לְבוּשׁ מִן הַגַּן־עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן וְהַנֶּפֶשׁ רוּחַ נִשְׁאַר אֶצְלְךָ. וְעַל־כֵּן כְּשֶׁאַתָּה מְדַבֵּק מַחֲשַׁבְתְּךָ לְשָׁם אַתָּה שָׁם וְאַתָּה מַמְשִׁיךְ הֶאָרָה מִמֶּנּוּ אֵלֶיךָ, וּכְשֶׁאַתָּה חוֹזֵר לְכָאן אַתָּה כָּאן.

וְאֵינִי יוֹדֵעַ מֵאֵיזֶה עוֹלָם הוּא, מֵעוֹלָם טוֹב הוּא בְּוַדַּאי.

**וַעֲדַיִן לֹא נִגְמַר וְלֹא נִסְתַּיֵּם.**

# אורח נכנס לבעל הבית

*תקס"ט, א' דחֲנֻכָּה, אַחַר הַדְלָקַת נֵר חֲנֻכָּה בַּלַּיְלָה*[א].

דעמאלט האט דער רבי גערעדט דעם שמועס:

*אוֹרֵחַ נִכְנַס לְבַעַל הַבַּיִת.*

דער 'אורח' איז דער אמת'ער צדיק, אזוי ווי עס שטייט[ב]: "ואורח צדיקים"; קומט אוים, דער צדיק גייט אריין צו יענעם אין שטוב אריין.

דער רבי ברענגט אין דער מעשה פון דעם "בערגער"[ג]; דער בערגער איז דורכגעגאנגען דורך דעם ארעמאנ'ס שטוב, האט ער געהערט ווי דער ארעמאן וויינט און קלאגט און קלאפט זיך קאפ אין וואנט. איז ער אריינגעגאנגען צו אים און ער האט אים געפרעגט: "וואס וויינסטו?" זאגט ער: "פארוואס זאל איך נישט וויינען? דער האט געלט, און דער האט קינדער; טאמער האב איך שוין געהאט א ווייב, האט מען מיר דאס אויך צוגענומען, פארוואס זאל איך נישט וויינען?!" האט זיך ביי דעם בערגער אנגענומען זייער דאס רחמנות, האט ער געטוהן א ווילדע זאך, אריין צום גענעראל אין שטוב אריין און ער האט איר אים אפגעבראכט.

פלעגן אונזערע לייט זאגן: דאס איז ביי יעדן איינעם אזוי; אז דער אמת'ער צדיק גייט דורך און ער זעהט ווי דער זיצט אין שטוב און ער וויינט זיך אויס גוט פארן אויבערשטן, גייט ער אריין צו אים אין שטוב אריין - "וואס וויינסטו? וואס וויינסטו?" זאגט ער אים פארוואס ער וויינט - "די 'אשה יראת ה'' פעלט מיר, די 'אשה יראת ה'' האט מען מיר צוגענומען און ארויסגעכאפט!"; האט ער מסירות נפש פאר אים, ער טוהט א ווילדע זאך, ער גייט אריין צום גענעראל אין שטוב אריין, דאס איז דער 'אבי אבות הטומאה', און נעמט ארויס פון דארטן און ברענגט אים אפ.

---

[א] קונטרס זו מלוקט מכמה מקומות משיחות רלוי"צ - מטו"מ תשל"ו; תצוה תשל"ח; מקץ תש"מ; מקץ תשמ"א; מקץ תשמ"ב.

[ב] משלי ד, יח.

[ג] מעשה י' מספה"ק סיפורי מעשיות.

אבער ווען טוהט ער דאס? אז ער זעהט אז ער האקט זיך קאפ אין וואנט, ער ווינט גוט פארן אויבערשטן, דעמאלט גייט ער אריין צו אים אין שטוב[ד].

נאך א זאך, פארוואס גייט ער אריין צו אים אין שטוב? ווייל דער בעל הבית איז מקיים די עצות וואס דער אורח לערנט, ער האט א שייכות מיט אים, גייט ער אריין צו אים אין שטוב אריין; ווערט נמשך אין שטוב א קדושה פון אים, ווערט נמשך אין שטוב א יראה פון אים, א צניעות ווערט נמשך; דער צדיק וויל זיין אין דער שטוב.

## והיו משיחים יחד עד...

*וְשָׁאַל לְבַעַל-הַבַּיִת מֵאַיִן פַּרְנָסָתְךָ, וְהֵשִׁיב לוֹ אֵין לִי פַּרְנָסָה קְבוּעָה בְּבֵיתִי, רַק מִחְיָתִי מִן הָעוֹלָם. וְשָׁאַל לוֹ*

- דער אורח האט געפרעגט דעם בעל הבית,

*מָה אַתָּה לוֹמֵד?*

פלעגן אונזערע לייט זאגן, וואס האט די שאלה צו דער שאלה? ווייל על־פי רוב, איז די פרנסה מונע פון דעם לערנען, די פרנסה רייסט אים אפ פונעם לערנען.

עס ווערט געברעכט טאקע[ה], דאס וואס מען וועט א מענטש פרעגן, 'קבעתָּ עתים לתורה' - דאס וועט מען פרעגן פון א סוחר'ישן איד, א פארנומענער מענטש, צו ער

[ד] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' אבידה ומציאה ה"ג אות ט"ו: אִם רוֹצֶה לְסַלֵּק עַצְמוֹ לְגַמְרֵי וְאֵינוֹ רוֹצֶה לְהִשְׁתַּדֵּל בְּתִקּוּן נַפְשׁוֹ כְּלָל, רַק רוֹצֶה שֶׁהַצַּדִּיק בְּעַצְמוֹ יַעֲשֶׂה הַכֹּל עֲבוּרוֹ וְהוּא לֹא יַעֲשֶׂה כְּלָל וְלֹא יִשְׁתַּדֵּל בָּזֶה כְּלָל, אֲזַי בְּוַדַּאי אֵין הַצַּדִּיק צָרִיךְ לַעֲסֹק עִמּוֹ, **כִּי אִי אֶפְשָׁר לַעֲזֹר לוֹ כְּשֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לַעֲסֹק בְּעַצְמוֹ בְּתִקּוּנוֹ כְּלָל** כַּנַּ"ל, וּכְמוֹ שֶׁאָמַר אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לְאֶחָד, **אַתָּה בִּלְעָדַי אֵינְךָ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כְּלָל,** (דְּהַיְנוּ לְתַקֵּן נַפְשׁוֹ בְּעַצְמוֹ) **אֲבָל גַּם אֲנִי בִּלְעָדֶיךָ אֵינִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת דָּבָר,** הַיְנוּ שֶׁאִם אַתָּה לֹא תַעֲשֶׂה כְּלָל בְּוַדַּאי אִי אֶפְשָׁר לִי לַעֲשׂוֹת עֲבוּרְךָ הַכֹּל, כִּי הָאָדָם הוּא בַּעַל בְּחִירָה **וְאִי אֶפְשָׁר לְהַעֲלוֹתוֹ כִּי אִם כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵיזֶה הִתְעוֹרְרוּת מֵעַצְמוֹ.**

[ה] עיין של"ה הקדוש מס' שבועות - נר מצוה, אות כ"א: בַּמִּדְרָשׁ (מדרש שמואל רפ"א) : רַב פִּנְחָס בְּשֵׁם רַבִּי חִלְקִיָּא אָמַר, 'הַקּוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה מֵפֵר תּוֹרָה', שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים קיט, קכו) 'עֵת לַעֲשׂוֹת לַה' הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ', עַד כָּאן. וְלִכְאוֹרָה תָּמוּהַּ, דְּהָא 'קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה' הִיא הַמַּעֲלָה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁעָלֶיהָ הָאָדָם נִשְׁאָל בִּתְחִלַּת דִּינוֹ (שבת לא א)? אֶלָּא לֹא קַשְׁיָא, **אָדָם שֶׁהוּא פָּנוּי מֵעִסְקֵי הַזְּמַן וְאֵינוֹ טָרוּד בְּמִחְיָתוֹ מְחֻיָּב לִלְמֹד יוֹמָם וָלַיְלָה בְּלִי בִּטּוּל רֶגַע כְּמֵימְרֵיהּ,** רַק הַזְּמַן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וְהָאֲכִילָה וּמְעַט שֵׁנָה. וְאִם הוּא רוֹצֶה לִקְבֹּעַ עֵת,

האט א 'קביעות' אויף תורה, אביסל איצטער - אביסל שפעטער, צו ער כאפט ארויס צייטן אויף תורה; אבער דער וואס איז מופרש אויף תורה, אים וועט מען נישט פרעגן 'קבעת', ער דארף נאר לערנען, אים וועט מען פרעגן - 'קבעת' אויף אכילה ושתיה...

ער איז דאך געווען א בעל בית, האט דער אורח אים געפרעגט 'פון וואו איז דיין פרנסה', און אז ער האט אים גענפערט אז זיין פרנסה איז פון דער וועלט, איז וואס לערנסטו? אז דיין פרנסה רייסט דיר נישט אפ פונעם לערנען - וואס לערנסטו?

*וְהֵשִׁיב לוֹ. וְהָיוּ מְשִׂיחִים יַחַד עַד שֶׁנִּכְנְסוּ בְּתוֹךְ שִׂיחַת דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב.*

דאס איז א גרויסע התחזקות; מען רעדט אמאל דיבורים, און פון אנהויב אָן איז עס אזוי פון אויבן-אויף, אבער אז מען האלט זיך און מען רעדט, גייט ארויס 'דיבורים היוצאים מן הלב'[ו]; צום ערשט 'היו משיחים יחד' - אזוי סתם, 'עד שנכנסו בתוך שיחת דברים היוצאים מן הלב' - אין דעם רעדן איז מען אריינגעגאנגען אין 'שיחת דברים היוצאים מן הלב'.

ווייזט אויס, וויבאלד דער רצון פון דעם מענטש איז אז מען זאל רעדן דיבורים אין יראת שמים, כאטש פון אנהויב האט ער עס נישט, אבער אז מען רעדט, ווערט שוין אינמיטן גוטע דיבורים. אמאל איז דא, מען הויבט אָן רעדן און ס'רעדט זיך נישט - גייט מען זיך אוועק. ניין! זיי האבן אנגעהויבן רעדן ביז עס איז אריינגעגאנגען אין 'דיבורים היוצאים מן הלב'.

*

הוּא מֵסֵר הַתּוֹרָה, רַק תָּמִיד בְּתוֹרַת ה' יִהְיֶה חֶפְצוֹ 'וּבְתוֹרָתוֹ יֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה' (תהלים א, ב). **וְעִנְיַן מַעֲלַת קְבִיעַת הָעִתִּים נֶאֱמַר עַל מִי שֶׁטָּרוּד בְּמִחְיָתוֹ אוֹ בִּמְלַאכְתּוֹ**, אֲזַי עַל כָּל פָּנִים יִקְבַּע עִתִּים לַתּוֹרָה. וְאָמַר **קוֹבֵעַ 'עִתִּים' לְשׁוֹן רַבִּים**, וְלֹא אָמַר קוֹבֵעַ 'עֵת', **כִּי לֹא דַּי בִּקְבִיעַת עֵת אַחַת, רַק יִהְיֶה לוֹ הַרְבֵּה עִתִּים בְּכָל יוֹם, דְּהַיְנוּ בְּכָל הָעִתּוֹת שֶׁהוּא פָּנוּי מֵעֲסָקָיו וּצְרָכָיו.**

[ו] עיין חיי מוהר"ן אותיות שע"ז, תקמ"ג, תרי"ד (בענין העסק לדבר עם בני אדם אע"פ שמוכרחים בתוך כך לדבר עמהם בשיחת חולין).

# בלייב נישט שטיין

אין יעדער זאך איז אזוי, אפילו ביים דאווענען איז אויך אזוי[ז].

רבי נתן איז אמאל געפארן מיט ר' נחמן טולטשינער דארטן א נסיעה. אמאל אז עס איז נאכנישט געגאנגען קיין באַנען, האט מען געקענט פאָרן גאנצע נעכט, גאנצע טעג. האט מען געדאוונט אינמיטן וועג אויפן וואגן.

ר' נחמן טולטשינער האט דערציילט: רבי נתן האט אנגעהויבן דאווענען, און ער האט געזעהן ווי רבי נתן מוטשעט זיך זייער, ער קען נישט אנהויבן דאווענען, ער האט זיך אזוי געמוטשעט מיט די ווערטער, ער קען נישט אנהויבן דאווענען. ביז ער איז אריינגעקומען אין דעם פסוק (במזמור שיר חנוכת) 'זמרו לה' חסידיו והודו לזכר קדשו', איז ער אריין אין א התלהבות און ער האט אנגעהויבן דאווענען!

רבי אברהם ר' נחמן'ס פלעגט תמיד רעדן דערפון אז דער ענין פון דאווענען איז אויך אזוי ווי מען רעדט דא - פון שיחת (ביראת שמים); אמאל מאכט זיך, מען הויבט אָן, מען וויל דאווענען - און עס גייט נישט! זאל איך נישט אנהויבן? איך זאל ווארטן? קען איך דאך ווארטן ביז נאכן זמן... הויב איך אָן! נאר וויבאלד דער געדאנק פון דעם מענטש איז אז ער וויל דאווענען, ער וויל צוקניפן דער מחשבה צום דיבור, איז אינמיטן דאווענען העלפט שוין דער אויבערשטער - אויב ער וויל טאקע.

ביי רבי נתן'ען איז געווען ביז 'והודו לזכר קדשו'; אמאל קען אבער זיין אפילו נאך ווייטער, נאך ווייטער, אבי ער וויל - זאל ער נישט אפלאזן! איך וועל ווארטן ביז איך וועל האבן א התעוררות?! דאס קען מען נישט טוהן! ווארום ווער ווייסט וויפיל דו קענסט ווארטן?!

א זאך וואס האט נישט קיין זמן - דער רבי רעדט דארטן אין תורה ו'[ח] - "אומרים לו המתן!" - מען זאגט אים - 'ווארט צו'! - מען קען אים הייסן ווארטן א 'זמן'; אבער 'קריאת שמע' האט א זמן, 'תפילה' האט א זמן! איך וועל ווארטן ביז איך וועל באקומען

---

[ז] עיין שיחות הר"ן אות ע"ה.

[ח] אות ב', עיין שם.

**א התעוררות אוןווארטן ביז נאכן זמן? דאס קען נישט זיין! דו הויב אָן דאווענען און אינמיטן דאווענען וועט דער אויבערשטער העלפן ס'וועט זיך אנהויבן דאווענען.**

**דאס האב איך געהערט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, דער טאטע האט אים דערציילט אז ווען רבי נתן איז אריינגעקומען צו די ווערטער 'והודו לזכר קדשו', האט ער זיך 'צעדאוונט'...**

(אחד הנוכחים: אין תהלים איז דאך אויך אזוי?[ט]) **דאס איז דאך נישטא וואס צו רעדן! מען רעדט דאך, יעדע זאך וואס דער מענטש איז אין עפעס אַן עבודה און ביים אנהויב גייט עס נישט, זאל ער זיך נישט אפשטעלן ווארטן ביז עס וועט אנהויבן גיין, דו גיי! "אומרים לו ליסע"[י] - מען זאגט אים - 'פאָר'! גיי, שטעל דיך נישט אפ! אז דו מיינסט ערנסט, וועט אינמיטן שוין ווערן א גוטן דיבור.**

*

*וְהִתְחִיל הַבַּעַל הַבַּיִת לְהִשְׁתּוֹקֵק וּלְהִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד אֵיךְ מַשִּׂיגִים וּמַגִּיעִים לְאֵיזֶה דְּבַר מַעֲלָה שֶׁבִּקְדֻשָּׁה.*

**אָה, דאס איז דער עיקר!**

**א מוסר השכל, אז מען קומט זיך צונויף און מען רעדט, וואס דארף זיין די דיבורים? די דיבורים דארף זיין - האבן עפעס א בענקאכטס צו גוטע זאכן![יא] א מענטש איז ארומגענומען מיט אזעלכע נארישקייטן, שטותים מיט הבלים, אבער אז מען רעדט צוזאמען, דארף מען באקומען א השתוקקות - 'איי, עפעס א מעלה', 'עפעס א דבר שבקדושה'! דער רבי זאגט נישט וואס - 'עפעס א מעלה', 'עפעס א דבר שבקדושה'!**

---

[ט] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"ח.

[י] ליקוטי מוהר"ן סי' קצ"ח: כְּשֶׁאֶחָד צוֹעֵק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ **אוֹמְרִים לוֹ לִסַּע**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת י"ד): "מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ".

[יא] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' פקדון ה"ה אות ל"ט: צָרִיךְ כָּל אֶחָד לָשׂוּם לֵב לְהַאֲמִין שֶׁעִקַּר נְסִיעָתוֹ וְטִלְטוּלוֹ **כְּדֵי שֶׁיִּתְוַעֵד עִם בְּנֵי אָדָם אוּלַי יוּכַל לְדַבֵּר עִמָּהֶם דִּבְרֵי אֱמֶת** אוֹ שֶׁיְּקַבְּלוּ הֵם מִמֶּנּוּ אוֹ שֶׁיְּקַבֵּל הוּא מֵהֶם אוֹ שֶׁיְּקַבְּלוּ וְיָאִירוּ זֶה בָּזֶה בִּבְחִינַת וּמְקַבְּלִין דֵּין מִן דֵּין כִּי בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יֵשׁ נְקֻדָּה טוֹבָה וּצְרִיכִין לְקַבֵּל הֶאָרָה מִמֶּנּוּ לְהָאִיר בְּנַפְשׁוֹ **לְבַל יִישַׁן אֶת יָמָיו שְׁנַת עוֹלָם חַס וְשָׁלוֹם** וְכוּ'.

האט ער אנגעהויבן צו בענקען 'ווי קומט מען צו עפעס א דבר שבקדושה'. אז דער אורח האט גערעדט מיט אים 'דיבורים', אזעלכע רייד האט מען גערעדט, אז ער האט באקומען א בענקאכטס. זעהט מען דאך שוין ווער דער אורח איז געווען...

## אני אֶלְמַד עמך

*אָמַר לוֹ הָאוֹרֵחַ: אֲנִי אֶלְמַד עִמְּךָ.*

ער האט נישט ארויסגערעדט פארן אורח - ער האט נאר 'געבענקט'; ווי נאר ער האט זיך נאר פארבענקט, רופט זיך אָן דער אורח, 'איך וועל לערנען מיט דיר'. דער אורח האט שוין געוואוסט וואס ער טראכט, וואספארא כיסופין ער האט...

דאס איז אלץ רמזים, אז מען איז מיטן צדיק און מען רעדט אמאל 'דיבורים היוצאים מן הלב', באקומט מען א בענקאכטס, און ווען מען בענקט - באקומט מען פון דעם צדיק 'התחזקות' - 'איך וועל מיט דיר לערנען!'. פון דער זאך צו וואס ער בענקט איז ער נאך ווייט, ער האט נאכנישט דער זאך, ער בענקט דאך צו דער זאך, זאגט ער אים, 'איך וועל מיט דיר לערנען!'.

*וְתָמַהּ הַבַּעַל הַבַּיִת, וְהִתְחִיל לַחְשֹׁב אוּלַי אֵינוֹ בֶּן אָדָם כְּלָל.*

ער האט זיך פארוואונדערט, ער האט השתוקקות צום אויבערשטן אין הארצן, און ער זאגט אים שוין - 'איך וועל מיט דיר לערנען'. האט ער אנגעהויבן טראכטן 'אפשר איז ער גארנישט קיין מענטש אינגאנצן' - ווער ווייסט ווער ער איז?! ער ווייסט זיינע מחשבות וואס ער וויל...

*אַךְ חָזַר וְרָאָה שֶׁהוּא מְדַבֵּר עִמּוֹ כְּדֶרֶךְ בְּנֵי אָדָם.*

ער האט שוין געזעהן אז ער איז עפעס א געוואלדיגער גדול.

*אַךְ תֵּכֶף נִתְחַזֵּק הָאֱמוּנָה אֶצְלוֹ לְהַאֲמִין בּוֹ, וְהִתְחִיל תֵּכֶף לְקָרְאוֹ 'רַבִּי'.*

עס איז ביים בעל־הבית נתחזק געווארן די אמונה ער זאל גלויבן אין דעם אורח, און ער האט אים אנגעהויבן תיכף צו רופן "רבי". דאס איז אויך א זכיה אז דער

אויבערשטער העלפט אז דער מענטש זאל דערקענען דעם אמת און האבן א ביטול פאר דעם אמת. 'ער האט אים גערופן רבי'.

ביי רבי יודל איז דאך אזוי געווען[יב], אז ער האט נאר געזעהן ביי ר' בער'ן עפעס א שינוי פון יראת ה' - -

רבי יודל איז דאך אליין געווען פריער א רבי מיט חסידים, און א תלמיד ביי רבי פינחס'ל קאריצער[יג], און רבי לייב סטראסטיניצער'ס אַן איידעם[יד], האט ער דאך געהאט געוואלדיגע גרויסקייטן אין זיך; אבער ווי נאר ער האט געזעהן אין זיינעם א חסיד אז ער האט עפעס א שינוי פון יראת ה', האט ער אים געפרעגט: "**פון וואנעט איז דאס?**", האט ער אים געזאגט אז ווען ער איז געווען אין מעדוועדיווקע איז ער ארייגעגאנגען צו דעם רבי'ן - 'איז געווארן ביי מיר אז האב באקומען עפעס א יראת ה'!', און רבי יודל האט דערקענט אויפן פנים אז ער האט עפעס א שינוי פון יראת ה', איז ער נתעורר געווארן און געפארן צום רבי'ן.

רבי יודל האט געוואוינט אין דאשיב. ביז מעדעוודיווקע איז זייער א ווייטער מרחק. אמאל אז מען איז געפארן מיט א פיר און עס איז געווען בלאטעדיג, צו א שניי אדער רעגן, איז עס געווען א נסיעה פון 'טעג', אבער ער וויל פארן; 'אויב דו ביסט נאר ארייגעגאנגען צו אים - און עס שוין געווארן ביי דיר א שינוי פון יראת ה' - וויל איך פארן!' - צו דעם דארף מען האבן א גרויסן זכיה!

*וְאָמַר לוֹ*

- זאגט דער בעל-הבית צום אורח,

*קֹדֶם כָּל אֲנִי מְבַקֵּשׁ לִלְמֹד מִכֶּם אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בִּכְבוֹדְכֶם.*

ער וויל דאך מיט אים לערנען און ער רופט אים שוין 'רבי', צו א רבי דארף מען דאך א 'מורא רבך', איז ווי אזוי זאל איך זיך פירן 'בכבודכם'?!

---

[יב] עיין כל תוכן הסיפור ב'כוכבי אור' - אנשי מוהר"ן, אותיות י"ט - כ"ג.

[יג] חיי מוהר"ן אות תר"י.

[יד] עיין חיי מוהר"ן אות תרי"א.

דאס איז אלץ לימודים; דער 'מורא רבך' און דער 'דרך ארץ', אז מען וויל פון יענעם מקבל זיין עפעס, איז 'קודם-כל', דאס הייסט, נאך איידער איר לערנט מיט מיר, וויל איך וויסן ווי אזוי זאל איך זיך פירן בכבודכם,

*וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר שֶׁאֶפְגֹּם מַמָּשׁ בִּכְבוֹדְכֶם חַס וְשָׁלוֹם, רַק אַף־עַל־פִּי־כֵן, בֶּן אָדָם קָשֶׁה לוֹ לְהִזָּהֵר לְגַמְרֵי כָּרָאוּי, עַל־כֵּן אֲנִי רוֹצֶה שֶׁתְּלַמְּדוּנִי אֵיךְ לִנְהֹג בִּכְבוֹדְכֶם.*

דער אורח וויל זיין ביי יעדן איינעם אין שטוב, ער וויל זיין ביי אים אַן אורח; נאר וואס דען, דער בעל הבית דארף אים וועלן פאר אַן אורח. אז דער בעל הבית איז משתוקק און ער וויל, קומט אריין דער צדיק אין שטוב אריין צו אים און ער וויל אים לערנען, און ער דארף אים אפגעבן כבוד, און ער דארף פון אים לערנען וויפיל דארף ער אים אפגעבן, וויפיל דארף ער אים פאלגן.

*וְהֵשִׁיב לוֹ: כָּעֵת אֵין לִי פְּנַאי, בְּעֵת אַחֵר אָבוֹא אֶצְלְךָ וַאֲלַמֶּדְךָ זֹאת, וְכָעֵת אֲנִי צָרִיךְ לֵילֵךְ מִכָּאן.*

ער האט אים געענטפערט: "איצטער האב איך נישט קיין צייט, איצטער דארף איך אוועקגיין פון דאנעט!".

ווייזט אוים, עס איז פארהאן אמאל וואס מען האט עפעס א שטיקעלע התקרבות צום צדיק, און ער וויל 'שוין', און דער צדיק זאגט - 'איצטער נישט - שפעטער', 'עס וועט זיין א צייט דערויף!'.

דער מענטש ווערט נתעורר אויף א זאך, און דער צדיק ענטפערט אים - "ווארט צו, איצטער האב איך נאכנישט קיין צייט!". ווארום ווען א מענטש זאל האבן די זאך אז 'ווען' ער בעט - 'מוז' ער 'שוין' געהאלפן ווערן, איז עס אַן ענין פון "המעיין בתפילתו", "עיון תפילה מזכירין עוונותיו של אדם"[טו].

אז דער מענטש בעט א זאך, דארף אים איבערבלייבן נאכן בעטן א תשוקה אויף דער זאך - 'ער בעט - און ער האט נאכנישט וואס ער וויל!'.

---

[טו] גמ' ברכות דף נה. [עיין 'ליקוטי הלכות' הל' מתנה ה"ה אות מ"ו].

נאכן בעטן דארף ער האבן א בענקאכטס צו דער זאך - 'איי, ווי קומט מען צו דער זאך? ווי קומט מען צו דעם?'.

האט ער אים געזאגט: "איצטער האב איך נישט קיין צייט; אַן אנדערע צייט וועל איך קומען צו דיר און דיר לערנען!". גיט ער אים שוין א התחזקות אז ער וועט קומען נאכאמאל! ער זאגט אים שוין - 'איך וועל קומען נאכאמאל צו דיר!'.

## עד אחר פתח ביתו

*וְאָמַר לוֹ: גַּם עַל זֶה אֲנִי צָרִיךְ לִלְמֹד מִכֶּם כַּמָּה אֲנִי צָרִיךְ לְלַוּוֹת אֶתְכֶם.*

איר גייט דאך אוועק פון מיר, וויפיל דארף איך אייך באגלייטן? ווארום עס איז דא אמאל וואס מען באגלייט ביז צו דער טיר אדער ארויסגיין באגלייטן נאך דער טיר, א מצוה פון 'מלַווה' זיין, 'א חשוב'ער אורח', 'וויפיל זאל איך אייך באגלייטן?'.

*וְאָמַר לוֹ: עַד אַחַר הַפֶּתַח.*

אונזערע לייט פלעגן דא רעדן אסאך אין דעם ענין פון התקרבות צום רבי'ן; עס איז דא אזעלכע וואס זיי זענען מקורב נאר אין שטוב, ארויסגיין פון שטוב דאס איז שוין מער א 'ביטול'.

דער רבי ברענגט דארט אין דער מעשה פון דער "בעל תפילה"[טז], ער האט זיי געפירט 'חוץ לישוב'. דער 'ישוב' איז די 'שטוב', און 'עד אחר הפתח' הייסט - 'מסירות נפש'! איך באגלייט דעם צדיק נישט נאר אין שטוב, נאר איך גיי ארויס פון דער טיר אויך. די שטוב, די טיר, דאס איז דער צמצום, די גשמיות, דער גוף אין וואס ער איז מלובש. 'נאך דער טיר', הייסט שוין 'מסירות נפש'; 'דו דארפסט מיר באגלייטן ביז נאך דער טיר'.

עס איז פארהאן אמאל, ער באגלייט דעם רבי'ן, אבער ער באגלייט אים ביז צום טיר, איך גיי נישט ארויס, בין איך נאך ביי זיך אין שטוב, דאס איז נאכנישט קיין 'מסירות

---

[טז] מעשה י"ב מספה"ק סיפורי מעשיות.

נפש'; אבער אז איך באגלייט אים ארויס נאך דער טיר, דאס איז 'מסירות נפש'! דאס הייסט, מפקיר זיין אלעס, 'עד אחר הפתח'.

מען פלעגט עס תמיד לייגען ביי ר' שמשון'ען (בארסקי), פלעגט מען דא אסאך רעדן - 'באגלייטן דעם צדיק נאך דער טיר!' האבן א ביטול, נישט טראכטן אזוי פון דער שטוב.

(ר' נחמן בורשטיין: עס איז דא א ווארט פון רבי'ן: "תיכף ווען ער גייט ארויס פון דער קלאמקע פון מיין טיר, בין איך אים שוין מייאש!"[י] ער שטייט שוין די אנדערע זייט טיר...) יא, דארף מען זיך האלטן ביים רבי'ן.

*וְהִתְחִיל לַחֲשֹׁב, אֵיךְ אֵצֵא עִמּוֹ, כִּי כָּעֵת אֲנִי עִמּוֹ בֵּין הַבְּרִיּוֹת, וְאִם אֵצֵא עִמּוֹ לְבַדּוֹ, מִי יוֹדֵעַ מִי הוּא.*

ער האט מורא, כאטש ער זעהט דאך שוין ווער דער אורח איז, און ער האט אים שוין גערופן 'רבי', נאר ארויסגיין פון שטוב מיט אים האט ער מורא; 'ארויסגיין מיט אים' דאס איז א מין 'מסירות נפש', אינגאנצן אוועקגיין פון דער וועלט, אינגאנצן אוועקגיין פון דעם גוף, אוועק אינגאנצן פון די גשמיות, אלעס מפקיר זיין, 'ווי קען איך ארויסגיין מיט אים פון שטוב?!

*וְשָׁאַל לוֹ, וְאָמַר לוֹ: יֵשׁ לִי פַּחַד לָצֵאת עִמָּכֶם. הֵשִׁיב לוֹ: אִם אֲנִי יָכוֹל כָּזֹאת לִלְמֹד עִמְּךָ, גַּם עַתָּה אִם אֶרְצֶה לַעֲשׂוֹת לְךָ אֵיזֶה דָּבָר מִי יִמְחֶה בְּיָדִי.*

אויב דו האסט מורא פאר מיר ארויסצוגיין נאך דער טיר; אז איך וועל דיר וועלן טוהן אינעווייניג אין שטוב, ווער וועט מוחה זיין אין מיר?! ווער וועט מיר נישט לאזן - אויב איך קען דאס דאזיגע?!

עס איז דאך טאקע אזוי, וויבאלד ער איז פארבינדן אין דעם צדיק. נאר וואס דען, ער האט מורא פאר מסירות נפש! און אז דו וועסט זיין ביי דיר אין שטוב, האסטו נישט קיין מורא פאר מיר?! אויב איך קען דיך טוהן, ביי דיר אין שטוב קען איך דיך נישט

---

[י] מובא בשיש"ק (חדש) ח"א אות קנ"ז.

טוהן?! ווער וועט מיר נישט לאזן איך זאל טוהן מיט דיר ווען דו ביסט אין שטוב?! דו מאכסט זיך א גאנצע לעבן - דארטן קען דער צדיק דיר נישט טוהן?!

עס איז געווען אזעלכע וואס דער רבי האט זיי געהייסן דארטן זיי זאלן זיין א 'מקבל' און זיי האבן נישט געוואלט[יח] - האט דער רבי אים נישט געקענט טוהן?! אז ער וויל נישט - קען ער דען אים נישט טוהן?! ער קען דאך אים אזוי אויך טוהן!

א מענטש האט מורא צו טוהן עפעס אַן עובדא, איבערהאקן דעם שלאף צו-וואס, ער האט מורא עס איז עפעס צופיל; און בשעת דו ליגסט אויפן געלעגער האסטו נישט קיין מורא פאר מיר?! קען איך נישט טוהן מיט דיר וואס איך קען?!

*

## נוכח פני ה'

ער פלעגט דאך זאגן רבי אברהם ר' נחמן'ס אז עס איז דא צוועלף שערים, און א דרייצנטער שער. די צוועלף שערים דאס איז דער ענין פון 'תפילה', און דער שער הי"ג איז די זאך פון 'חצות' וואס דאס איז תמיד 'נוכח פני ה'"[יט].

די צוועלף שערים, אמאל זענען זיי פארשלאסן, און אמאל זענען זיי אפן; דארף מען האבן א זכיה מען זאל צוטרעפן צו דעם שער; אבער דער שער הי"ג דאס איז 'נוכח פני ה'', "קומי רוני בלילה וכו' שפכי כמים לבך - נוכח פני ה'"! אט דאס איז תמיד 'נוכח פני ה'"! דער 'שער' איז תמיד אָפן!

אט דער 'שער' איז תמיד אפן!

נו, אזעלכע דיבורים! א שער וואס ער איז תמיד אפן! "קומי רוני בלילה" - שטיי אויף ביינאכט!

מען האט דערציילט רבי נתן'ען נאך איידער ער איז געווארן מקורב, די עבודה פון דעם רבי'ן רבי זושא, אז ווען עס קומט דארטן די צייט פון חצות גיט ער זיך א ווארף

---

[יח] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ג' [השני] המעשה עם ר' אברהם מ'בארדיטשוב ז"ל; ושם באות ל' המעשה מר' ליפא ז"ל.

[יט] עיין ביאור הליקוטים על תורה זו שם.

אראפ - **"זושא, זושא, זושא, זושא!"** ער האט אנגעהויבן צו רעדן צו זיך אליין - **"דער בית המקדש איז חרוב און דו ליגסט אזוי?! - ווארף זיך אראפ!"**.

אט דאס האט ער נישט געזעהן; ער האט דאך געזעהן ביי זיין שווער צִדְקוּת - דאס האט ער אבער נישט געזעהן, אז עס קומט די צייט, האבן אזא מין סארט פחד פארן אויבערשטן, אראפוווארפן זיך פונעם געלעגער[כ].

אזא מין עת־רצון, יעדער דארף דאך האבן עפעס אַן עת־רצון - אט דאס איז דער עת־רצון.

א לשון אין זוהר איז דא[כא]: זינט דער בית־המקדש איז חרוב, האט נישט דער אויבערשטער קיין שום נחמה, ער קען זיך נישט לאזן טרייסטן, נאר אז אידן שטייען אויף חצות - דאס איז זיין נחמה, פון דעם ווערט דער אויבערשטער געטרייסט.

דאס איז אויך אַן ענין פון ארויסבאגלייטן 'נאך דער טיר'; דער ענין פון א 'טיר' איז א 'צמצום' אויף יעדער גשמיות'דיגער זאך. אז א מענטש ליגט אויפן געלעגער - דאס איז זיין 'בית'; אז ער ליגט איינגעלייגט גוט - און ער גיט זיך א ווארף אראפ פונעם געלעגער - אט דאס הייסט 'ער גייט ארויס חוץ לפתח'; "באגלייט מיך נאך דער טיר". נאכדעם וועט ער מיט דיר לערנען, ער וועט טוהן, ער וועט דיר אויפהויבן, דו וועסט פליען אין די עולמות, 'באגלייט מיך נאר נאך דער טיר'.

יעדע זאך וואס איז מלובש אין א 'גשמיות' און איך וויל זיך פון דער זאך מונע זיין, איז א בחינה אז 'איך גיי ארויס פון דער טיר', 'איך גיי ארויס פון שטוב'.

אז א מענטש האט א השתוקקות צו רעדן דארטן 'דברים בטלים', ער האט אפילו א פארגעניגן פון דעם, ס'רעדט זיך, דאס איז ביי אים די 'שטוב' זיינע, איז דאס ביי אים ממש מסירות נפש ער זאל דאס אויפהערן.

עס איז געווען די מעשה פון "ר' יוסף שותק". ער פלעגט זאגן ווערטלעך; אז ער האט אויפגעהערט צו רעדן, האט ער אנגעהויבן טריקענען; ער איז געווען אזוי

---

[כ] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב אות כ"ח, ומסיים שם שזה היה הצעד הראשון שלו להתקרב לדרך החסידות.

[כא] עיין זוהר פר' ויחי דף רל"א ע"א; פר' ויקהל דף קצ"ו ע"א.

אויסגעטריקנט, אז ווען איינער האט אים געזעהן אין מרחץ האט מען ארויסגעזעהן אלע 'איברים הפנימים', 'הויט' געווען, ער האט נישט געהאט קיין פלייש, מען האט געזעהן ווי די לונג הענגט... ער איז געווארן 'הויט און ביין'; דאס איז געווארן דערפון וואס ער פלעגט אויפהערן זאגן 'ווערטלעך'[כב].

זעהען מיר דאך, עס איז פארהאן אמאל, א מענטש האט א השתוקקות צו דער זאך - און ער טוהט עס נישט, איז דאס א געוואלדיגער מסירות נפש - אט דאס איז אויך א בחינה אז 'ער גייט ארוים פון שטוב'.

יעדער איינער האט זיך זיין שטוב, זיינע גבולים, זיינע גשמיות'ן, וואס דאס איז זיין שטוב, וואס אז ער גייט ארוים פון דער זאך, הייסט עס 'ער גייט ארוים פון שטוב'.

צו באגלייטן דעם 'אורח' איז כדאי ארויסצוגיין; דעמאלט ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון שטוב האט ער דאך אים געהויבן אין דער לופטן, ער האט אים געוויזן אלע השגות.

טאקע אז עס מאכט זיך יענעם צו באגלייטן, דארף מען ארויסגיין פון שטוב[כג]. אזוי, אַן אורח, א גאסט, דארף מען באגלייטן אים - ארויסגיין פון שטוב. דאס זעהט מען אלץ פון 'דעם אורח'.

(ר' נחמן: דער נעשכיזער האט דאך באגלייט דעם רבי'ן!) **יא, אויך ארויסגעגאנגען פון שטוב.** (ואמר:) **"איך זאל מער נישט געווען קומען** (אויף דער וועלט) **נאר אז רבי נחמן זאל ביי מיר איבערטרעטן מיין שוועל - איז אויך גענוג!"**[כד].

מלווה זיין א מענטשן איז טאקע נאר ארויסגיין פון שטוב; אז נישט, הייסט גארנישט באגלייט.

ווי אזוי שטייט דארטן (- ביי רבי מרדכילע נעשכיזער)? (ר' נחמן: "ובעוצם חלישותו הנ"ל ליוה את רבינו ז"ל בעת שיצא מביתו לנסוע לדרכו. אחר כך כשחזר הרב הנ"ל מהלויה שליווה את רבינו

---

[כב] עיין תוכן הסיפור ב'טעם זקנים' קונטרס ט"ו, וקי"ג.

[כג] עיין סמ"ע על חו"מ סי' תכ"ז סעי"ק י"א: "ויש לילך עמו או עם חבירו עד השער או לכל הפחות ד' אמות".

[כד] מובא בחיי מוהר"ן אות קי"ג.

ז"ל, ענה ואמר בזה הלשון: אלמלא לא אתינא לעלמא אלא שרבי נחמן יפסיע על מפתן שלי - דיי!" - עס שטייט נישט וויפיל ער האט אים מלַווה געווען) אוודאי איז ער ארויסגעגאנגען פון שטוב.

## והתחיל לפרוח עמו

יעדער מסירות נפש וואס מען טוהט עפעס פארן אויבערשטנ'ס וועגן, הייסט עס 'איך גיי ארויס פון שטוב'.

אין שטוב - הייסט, מען האט פרנסה, מען איז אן ערליכער איד, מען שטייט אויף ביינאכט, מען לערנט, מען דאוונט, דאס איז "אין שטוב". און אמאל זאגט אים דער צדיק, איך וויל - 'גיי ארויס פון שטוב!' - דאס איז שוין אַן אנדער רעיון, אַן אנדער געדאנק. מסתמא האט דער אורח געזעהן אז דער בעל הבית איז אזא כלי אז ער קען ארויסגיין פון שטוב אויך.

דער רבי האט רבי נתן'ען אויך ארויסגענומען פון דער שטוב; ווארום אויב זיין אין שטוב קען מען נישט זיין "רבי נתן" וואס זאל אריבערפירן דעם רבי'נס זאך און אז דורך אים זאל זיין די גאנצע השארה. ארויס פון דער שטוב איז שוין אַן אנדער מח, אַן אנדער געדאנק, געדאנקען פון עולם הנצחי, געדאנקען פון תכלית, דאס איז שוין אנדערע געדאנקען.

*וַיֵּצֵא עִמּוֹ מִן הַפֶּתַח.*

האט ער זיך שוין יא מוסר נפש געווען, מפקיר געווען אלעס און ארויסגעגאנגען פון דער טיר.

*וַאֲזַי תֵּכֶף חָטַף אוֹתוֹ וְהִתְחִיל לִפְרֹחַ עִמּוֹ.*

ווייזט אויס, פריער האט ער נאכנישט געהאלטן ביי אזא מין סארט מסירות נפש פון ארויסגיין ביז נאך דער טיר - אז ער זאל אים אזוי אריינשיינען אזעלכע הויכע מדריגות; אבער וויבאלד ער האט זיך שוין מוסר נפש געווען, ער האט שוין גע'פועל'ט ביי זיך צו ארויסגיין ביז נאך דער טיר, האט ער אים געגעבן א כאפ און אנגעהויבן מיט אים צו פליען, דאס הייסט, העכער פון דער מדריגה וואס ער האלט. ווייל ער האט פארט געהאט דעם געדאנק מיט די אמונה צו ארויסגיין מיט אים אינדרויסן.

[דאס האבן אונזערע לייט געוואוסט, דאס האבן אלע תלמידים פון רבי'ן געדארפט וויסן, אז רבי נתן איז ארויס פון דער שטוב און דער רבי פליהט מיט אים הויעך[כה], דאס וואס קיינער האט עס נישט. די עלטערע תלמידים זענען מקורב געווארן נאך פאר ארץ ישראל. רבי נתן איז געווען דער שפעטסטער תלמיד, ער איז מקורב געווארן שוין אין ברסלב סוף תקס"ב, און ער, דער רבי פליהט מיט אים. מען זעהט דאך, ער טוהט אלעס, ער שרייבט דעם רבי'נס תורות און אלעס[כו].

דער רבי האט אמאל דערציילט פון ר' יצחק אייזיק פון טירהאוויצע; האבן אונזערע לייט זייער משתוקק געווען - 'אה, אזא צדיק - און ער איז נפטר געווארן אזוי יונג!' האט דער רבי געזאגט: "היינט איז דא ביי מיר נת'לע!"[כז] האבן זיי דאך שוין געזעהן אז רבי נתן איז עפעס אנדערש! פארוואס, פאר-ווען? איז נישט שייך צו זאגן! אז דער רבי זאגט אזוי - ער קען אים גוט! דער רבי האט אים אוועקגעלייגט אויף אלעס, און ער איז אינגאנצן - -]

האט ער אנגעהויבן צו פליען מיט אים.

## קח לך מלבוש

*וְהָיָה קַר לוֹ. וְלָקַח מַלְבּוּשׁ וְנָתַן לוֹ.*

דער אורח האט גענומען א מלבוש און אים געגעבן -

*וְאָמַר לוֹ: קַח זֶה הַמַּלְבּוּשׁ וְיִיטַב לְךָ.*

א מלבוש איז אביסל מצמצם; וויבאלד ער האט אנגעהויבן מיט אים צו פליען העכער ווי זיינע מדריגות - 'נעם דעם מלבוש, וועט דיך זיין גוט'.

---

[כה] [עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"א: **וּמַה שֶּׁהַתַּלְמִיד מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ**, שֶׁזֶּה בְּחִינַת חָכְמָה תַּתָּאָה, הוּא בְּחִינַת לָמֶד, שֶׁהוּא בְּחִינַת **מִגְדָּל הַפּוֹרֵחַ בָּאֲוִיר** (חֲגִיגָה טו: עַיֵּן רַשִׁ"י שָׁם)].

[כו] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב אות תקס"ד מה שהתבטא רבי אהרן רב דק"ק ברסלב אחרי פטירת מוהרנ"ת: **"ער איז געקומען שפעטער פון אלע - און געמאכט בעסער פון אלע!"**.

[כז] עיין חיי מוהר"ן שי"ג: אָמַר הַמַּעְתִּיק: שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת הָיוּ מְקוֹנְנִים וּמְצַעֲרִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ לִפְנֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְאֹד עַל פְּטִירַת הָרַב רַבִּי יִצְחָק אַיְיזִיק הַנַּ"ל, וְנִחַם אוֹתָם רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְהֵשִׁיב לָהֶם: **אֲבָל עַכְשָׁו יֵשׁ לָנוּ הָרַב רַבִּי נָתָן**.

אז מען ווערט מקורב צום צדיק, מוז מען האבן א מלבוש, א לבוש, א צמצום - זיך מצמצם זיין, אז נישט איז ער אין א סכנה; 'נעם דעם מלבוש וועט דיר זיין גוט'.

די סברא איז - אט דער צדיק זאגט צו אונז אויך אזוי - 'נעם דעם מלבוש'! וואס איז א מלבוש? מען טוהט זיך אָן אַן אנדער לבוש, טוהט דיר אָן דעם לבוש.

דער רבי ברענגט דארטן אין תורה פ"ג[כח], דער אויבערשטער האט געזאגט: "של נעלך מעל רגליך" - טוה אויס דעם 'גוף דנגעה בת פרעה' און טוה דיך אָן מיט א 'גוף קודש' - אזוי זאגט דער רבי; ווייל דער מקום איז גורם אז דו זאלסט האבן אַן אנדער גוף, אַן אנדערן לבוש. דער גוף איז דאך נאר א לבוש; די נשמה איז דאך דער עיקר, נעם דיך דעם מלבוש, טוה אים אָן, וועסטו האבן אלצדינג.

אז מען ווערט מקורב צום צדיק האט מען אַן אנדער מלבוש, נאר טוה אים אָן דעם מלבוש! דער רבי גיט דאך אַן אנדער מלבוש, א מלבוש פון חצות, פון התבודדות, פון תפילה בכח, צדקה, ער גוט דאך עפעס א מלבוש.

*וִיהְיֶה לְךָ אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְכָל טוּב וְתֵשֵׁב בְּבֵיתְךָ.*

ווייל פריער האט דער בעל הבית געזאגט צו דעם אורח אז ער האט נישט קיין 'פרנסה קבועה' אין שטוב, זיין פרנסה איז פון די וועלט; פון איצטער וועסטו קענען זיצן אין שטוב. זיצן אין שטוב איז עפעס אנדערש. דו וועסט מער נישט דארפן זיין אין דער וועלט, 'אשרי יושבי ביתך', דו וועסט קענען זיצן אין שטוב און דאווענען און לערנען, דינען דעם אויבערשטן, דו וועסט נישט דארפן האבן פרנסה פון די וועלט.

*וּפָרַח עִמּוֹ*

- אין השגות אלוקות, אין הויכע זאכן, ווארום ער האט שוין געמאכט כלים, ער איז ארויסגעגאנגען פון שטוב, איז ער געפלויגן מיט אים.

---

[כח] וזל"ש: וְאָז פּוֹשֵׁט גּוּפוֹ הַמְצֹרָע, שֶׁהוּא מִמָּשְׁכָא דְּחִוְיָא, וְלוֹבֵשׁ בִּגְדֵי שַׁבָּת, הַיְנוּ גּוּף קָדוֹשׁ מִגַּן עֵדֶן. כִּי הַמָּקוֹם גּוֹרֵם, בִּבְחִינַת (שָׁם ג): **"שַׁל נְעָלֶיךָ וְכוּ' כִּי הַמָּקוֹם"** וְכוּ' (עיין תיקו"ז מ"ח:). וְעַל שֵׁם הַגּוּף הַקָּדוֹשׁ נִקְרָא שַׁבָּת, בִּבְחִינַת (שָׁם ד): "וְהִנֵּה שָׁבָה כִּבְשָׂרוֹ" 'שֶׁנִּרְפָּא מִצָּרַעְתּוֹ', וְנִתְלַבֵּשׁ בְּגוּף קָדוֹשׁ מִגַּן עֵדֶן.

ער האט דעם מלבוש און ער פליהט. אָן דעם מלבוש קען ער גארנישט פליען מיט אים. אז ער האט דער מלבוש קען ער פליען מיט אים.

## עס איז נאך דא א שטוב?!

*בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ.*

ווארום דאס וואס ער פליהט מיט אים, איז נישט ווייל ער האלט שוין ביי די מדריגות, ער האלט נאך נישט ביי דעם! נאר ער האט אים געגעבן א 'שַיין', אבער ער איז טאקע ווייטער צוריק אין שטוב, דו ביסט נאך נישט אינגאנצן ארויס פון די גשמיות פון דער וועלט.

האבן אונזערע לייט געזאגט: מיט דעם כח הצדיק קען ער געבן א פליה, אבער ער זאל נישט מיינען אז ער האלט שוין דערביי, לאז דיך נישט נארן, עס איז א סייעתא דשמיא, מען שענקט דיר מלמעלה, אבער דו זאלסט וויסן דו ביסט נאכנישט שייך דערצו, מען גיט דיר נאר א שענק דו זאלסט וויסן צו וואס מען דארף בענקען, מיין נישט אז עס איז נאר דא אכילה שתיה און תענוגים דארטן, נאר זעה וואספארא ליכטיגקייט איז דא, און ציה זיך דערצו, בענק דערויף, 'וויל' דאס[כט].

'בתוך כך גיט ער א קוק - ער איז צוריק ביי זיך אין שטוב'...

*וְלֹא הָיָה מַאֲמִין בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא בְּבֵיתוֹ.*

**עס איז נאך דא א שטוב?! וואו איז דא א שטוב?! אז מען זעהט אזעלכע ליכטיגקייטן איז דא א שטוב?!** ער האט נישט געוואלט גלויבן אז ער איז אין שטוב.

*אַךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא מְדַבֵּר עִם בְּנֵי אָדָם וְאוֹכֵל וְשׁוֹתֶה כְּדֶרֶךְ הָעוֹלָם.*

עס איז געווען אמאל וואס די חברייא האבן גערעדט פון דעם בעל־שם הקדוש און זיי זענען ארויס פון די כלים, איז געווארן ביי זיי עפעס א 'הסכם' אז דער בעל־שם איז

---

[כט] עיין ליקוטי הלכות שילוח הקן ה' - ענין 'שלום לרחוק ולקרוב' (וענין 'נר חנוכה' שהם 'לראותם בלבד' אבל 'אין לך רשות להשתמש בהם').

**נישט קיין 'ילוד אשה', אזעלכע השגות?!**

איז אריינגעקומען דער זון ר' הערש, האבן זיי געזאגט: "דו האסט אונז מחיה געווען; מיר האבן געמיינט ער איז גארנישט קיין 'ילוד אשה', ווי קען מען האלטן ביי אזעלכע 'השגות אלקות'?! נאר אז עס איז דא א זון, איז ער דאך געווען א 'ילוד אשה'!"...

אזוי איז אויך דא; ווי קען זיין איך בין אין שטוב אז איך פליה אין דער לופטן אזוי הויעך?! אבער איך רעד דאך פארט מיט מענטשן.

בשעת ער איז געפליגן איז ממש געווען ביי אים אזוי ווי 'ביטול הבחירה', ער איז גארנישט שייך צו קיין שטוב, ער באקומט ביים צדיק אזעלכע מינוטן אז ממש עס איז 'ביטול הבחירה', ער ווייסט נישט וואו ער איז אין דער וועלט, אבער ער איז דאך צוריק אין שטוב.

*בְּתוֹךְ כָּךְ חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא פּוֹרֵחַ כְּבַתְּחִלָּה*

- ער איז ווייטער א 'פורח'! אט דאס איז דער כח הצדיק, ער גיט אים אלעמאל א הויב! אבער מיין נישט אז דו ביסט שוין דארטן - ניין, דו ביסט צוריק אין שטוב! און אז דו ביסט אין שטוב, איז דאך ווייטער דארטן מגושם, און, ער פליהט שוין ווייטער!

*חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ, חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא פּוֹרֵחַ, וְכֵן הָיָה מִתְנַהֵג זְמַן רַב.*

ווייל ביז עס איז שוין געווארן א קביעות אז ער קען שוין זיין אין די העכערע מדריגות איז דא א זמן רב.

רבי נתן האט געזאגט באלד ביים אנהויב התקרבות: "ביז מען ווערט אַן 'איש כשר' צריך להתמהמה הרבה!"[ל].

"וכן היה מתנהג זמן רב", אט פליהט ער, און אט איז ער צוריק אין שטוב. דער כח הצדיק איז אזוי, אט גיט ער א 'פליה' - דארף מען 'דארט' האבן א געוואלדיגער

---

[ל] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות י"ד.

'בקיאות'[לא] - עס איז נאכנישט דיינס, מיין נישט אז דו ביסט שוין דארטן, דו פליהסט שוין - דו ביסט שוין ווייט פון שטוב - (נייין) 'דו ביסט צוריק אין שטוב' - דו ביסט ווייטער א 'שטוב מענטש'; און אז דו ווילסט ווייטער ווערן מגושם, גיט ער ווייטער א הויב און ווייטער א פליה. אזוי האט עס זיך געצויגן א 'זמן רב'[לב].

## דעם רבי'נס הייל

***אַחַר־כָּךְ הוֹרִיד אוֹתוֹ בֵּין שְׁנֵי הָרִים בְּגַיְא.***

[טאקע אין ברסלב איז געווען "דעם רבי'נס מערה". דעם רבי'נס מערה איז געווען צוויי בערג און א טאל אינדערמיט. דאס ערשטע מאל וואס איך בין געקומען דארטן איז א געוואלדיגע התעוררות געווען. מען האט דאס גערופן "דעם רבי'נס הייל". ווען דער רבי איז געקומען קיין ברסלב האט דער רבי א פרעג געגעבן צו עס איז דא עפעס אַן ארט אויף התבודדות, האבן זיי געזאגט: "עס איז דא אַן אָרט נאר עס איז ווייט!", האט דער רבי געזאגט: **"וואס ווייט?! ווייט פון הארץ?! ווייט פון מח?! אז א איד האט א הארץ איז נישט שייך קיין מקום!"**[לג].

עס איז טאקע א דריי-פיר קילאמעטער פון שטאט, פון ברסלב. איך בין געווען דארטן. אז מען קומט אראפ דאס ערשטע מאל, ווען מען גייט אריין דארט ווערט מען איבערגע'רעש'ט; אונטן איז דא א טאל, און ארויף גייט צוויי בערג, נישט גלייכע בערג, נאר אביסל משופע'דיגע בערג, עס איז פארמאכט פון צוויי זייטן, עס איז א אזא פארבאהאלטן ארט - אז מען האט געקענט דארט אפזיין א גאנצע וואך, און דארט האט דער רבי זיך אסאך מתבודד געווען.

---

[לא] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ו' בענין 'בקי ברצוא' 'בקי בשוב'.

[לב] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת הפירות ה"ה אות ז': וְזֶה הָעִנְיָן ה' יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו נוֹהֵג בְּחַסְדּוֹ בְּכָל דּוֹר עַל יְדֵי גְּדוֹלֵי מֻבְחָרֵי הַצַּדִּיקִים. **שֶׁיֵּשׁ לִפְעָמִים שֶׁחוֹטְפִין אֲנָשִׁים וּמוֹצִיאִין אוֹתָם מִמְּקוֹמוֹת מְגֻנִּים וּמְלֻכְלָכִים מְאֹד מְאֹד. וּמַתְחִילִים לְטַהֵר אוֹתָם וּלְקָרְבָם לַה' יִתְבָּרַךְ.** אֲבָל יֵשׁ הַרְבֵּה שֶׁנּוֹפְלִים אַחַר כָּךְ יוֹתֵר רַחֲמָנָא לִצְלַן וְאַף עַל פִּי כֵן הֵם מִשְׁתַּדְּלִים לְקָרֵב בְּכָל פַּעַם יוֹתֵר. **וְיֵשׁ בְּעִנְיָן זֶה פְּלָאוֹת הַרְבֵּה פִּלְאֵי פְּלָאוֹת, נִפְלְאוֹת תְּמִים דֵּעִים.**

[לג] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' נ"ו: כְּשֶׁיֵּשׁ לְהָאָדָם לֵב, אֵין שַׁיָּךְ אֶצְלוֹ מָקוֹם כְּלָל, וכו' עיי"ש.

ר׳ הערש לייב (ליפל) איז געווען אסאך מאל דארט; איי ר׳ הערש לייב, ר׳ הערש לייב! אז ער האט געפאקט א גוטן פלאץ האט ער שוין נישט אפגעלאזט...]

## ומצא שם ספר

*וּמָצָא שָׁם סֵפֶר, וְהָיוּ בּוֹ צֵרוּפֵי אוֹתִיּוֹת: א׳ ז׳ ח׳ הוּא ד וְכוּ׳.*

דאס האט א שייכות צו דער תורה פון "ימי חנוכה"[לד]. טאקע דאס אייגענע יאר תקס"ט האט דער רבי געזאגט דער תורה. דער רבי רעדט דארט פון די 'ארבעה חלקי הדיבור', און די 'דריי שמות' 'א"ל אלקי"ם הוי"ה', דאס איז דער ז׳. און דער א׳ דאס איז דער 'אור האמת', צוזאמען איז עס ח׳[לה]. אזוי אויך, דער א׳ איז מרמז אויף א'חדות הפשוט מתוך פעולות משתנות.

חנוכה איז א׳ ז׳ דאס איז ח׳. פארוואס א׳ ז׳? ווייל די 'ארבעה חלקי הדיבור' מיט די דריי שמות דאס איז ז׳, און דער א׳ איז חנוכה אליין, איז ח׳.

מען פלעגט זאגן טאקע 'זאת חנוכה', זאת חנוכה איז א גרויסע זאך, דאס איז דער אכטער טאג פון חנוכה, דער גמר, צוזאמען איז ח׳. א׳ ז׳, און דער א׳ איז 'זאת חנוכה'.

---

[לד] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי׳ ב׳ אות ד׳.

[לה] עיין 'ליקוטי הלכות' הל׳ כלאי בהמה ה"ד אות י"ב: וְזֶהוּ: **'תֵּן חֵלֶק לְשִׁבְעָה וְגַם לִשְׁמוֹנָה כִּי לֹא תֵדַע מַה יִּהְיֶה רָעָה עַל הָאָרֶץ'**. הַיְנוּ שֶׁצְּרִיכִין לְהַמְשִׁיךְ שִׁבְעָה תִּקּוּנִים הַנַּ"ל שֶׁהֵם **שְׁלֹשָׁה קַוֵּי הָאֱמֶת** שֶׁמְּאִירִין **בְּאַרְבַּעַת חֶלְקֵי הַדִּבּוּר** שֶׁהֵם בְּחִינַת שִׁבְעָה קְנֵי הַמְּנוֹרָה שִׁבְעַת יְמֵי הַשַּׁבָּת. **שֶׁכָּל אֵלּוּ הַשִּׁבְעָה בְּחִינוֹת מְאִירִין בַּחֲנֻכָּה**, הַיְנוּ כִּי עַל יְדֵי אֵלּוּ שֶׁבַע בְּחִינוֹת מַמְשִׁיכִין קְדֻשַּׁת שַׁבָּת לִימֵי הַחֹל שֶׁזֶּה עִקַּר בְּחִינַת חֲנֻכָּה. וְזֶהוּ **וְגַם לִשְׁמוֹנָה**, בְּחִינַת **שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנֻכָּה** וְכַנַּ"ל. וְזֶהוּ, כִּי לֹא תֵדַע מַה יִּהְיֶה רָעָה עַל הָאָרֶץ, הַיְנוּ שֶׁהַגָּלוּת מִתְאָרֵךְ מְאֹד וּמִי יוֹדֵעַ מַה יֵּלֶד יוֹם, עַל כֵּן אָנוּ צְרִיכִין לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמֵנוּ בְּכָל פַּעַם בְּחִינַת הֶאָרַת יְמֵי חֲנֻכָּה שֶׁהוּא בְּחִינַת תּוֹדָה וְהוֹדָאָה כַּנַּ"ל לִהְיוֹת מוֹדֶה עַל הֶעָבָר גַּם בְּעֵת הַצָּרָה חַס וְשָׁלוֹם גַּם בְּעֵת שֶׁאֵין זוֹכִין לַעֲבוֹדַת ה׳ כָּרָאוּי אֲפִלּוּ אִם הוּא כְּמוֹ שֶׁהוּא וְכַנַּ"ל, כִּי דַּיְקָא עַל יְדֵי זֶה עִקַּר קִיּוּם יִשְׂרָאֵל בַּגָּלוּת בִּכְלָל וּבִפְרָטִיּוּת כָּל אֶחָד וְאֶחָד. וְעַתָּה מְקֻשָּׁר הַפָּסוּק מְאֹד, תֵּן חֵלֶק לְשִׁבְעָה וְגַם לִשְׁמוֹנָה, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת חֲנֻכָּה, בְּחִינַת תּוֹדָה וְהוֹדָאָה שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר הַקִּיּוּם בְּכָל הָרָעוֹת וְהַצָּרוֹת חַס וְשָׁלוֹם כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ, כִּי לֹא תֵדַע מַה יִּהְיֶה רָעָה עַל הָאָרֶץ אוּלַי יַעֲבֹר עָלֶיךָ מַה שֶּׁיַּעֲבֹר חַס וְשָׁלוֹם שֶׁיִּדְמֶה לְךָ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהִתְקַיֵּם בְּזֶה כְּלָל, אֲבָל עַל יְדֵי בְּחִינַת חֲנֻכָּה, בְּחִינַת תּוֹדָה וְהוֹדָאָה שֶׁתִּזְכֹּר בְּכָל פַּעַם חַסְדֵי ה׳ וְנִפְלְאוֹתָיו עָלֶיךָ כַּנַּ"ל, עַל יְדֵי זֶה תִּתְחַזֵּק בְּכָל פַּעַם בִּבְחִינַת מוֹדֶה עַל הֶעָבָר וְצוֹעֵק לֶעָתִיד לָבֹא, וְעַל יְדֵי זֶה תִּזְכֶּה לִישׁוּעוֹת נִפְלָאוֹת בְּכָל פַּעַם עַד שֶׁתִּזְכֶּה לִגְאֻלָּה שְׁלֵמָה מְהֵרָה, אָמֵן וְאָמֵן.

מען פלעגט זאגן: "א' ז' ח"; רבי נתן רעדט ארום אין א הלכה[לו], די אכט הזאות וואס איז געווען אין בית־המקדש "אחת למעלה ושבע למטה וכו' אחת ושבע", אלעמאל דערמאנט מען דעם 'אחת' - "אחת ואחת, אחת ושתים, אחת ושבע", אט דאס איז דער א'-ז'.

די גמרא זאגט טאקע[לז], זאל ער מאכן אכט הזאות? ניין, עס איז א מצוה מסיים צו זיין ביי 'שבע', צוזאמען איז טאקע דא אכט, א'-ז'. [דער ז' איז דאך 'ז' ימי הבנין', און דער א' איז שוין דער אור ה'ח'].

ביי א ברית פלעגט מען אויך רעדן אמאל דעם שמועס. רבי נתן רעדט[לח] פארוואס עס הייסט "שמונה ימי מילה"[לט], ערשט אין דעם אכטן טאג איז דאך דער 'יום המילה'? נאר דער 'יום השמיני' איז מחַיה די אלע זיבן טעג. 'שמונה ימי מילה' - אלע טעג ווערן 'ימי מילה'. מיט דעם טאג וואס מיר מל'ען דאס קינד, איז אלע טעג ווערן 'ימי מילה', אזוי ווי ער איז גאר קיין ערל נישט געווען.

טאקע אין מדרש שטייט[מ]: "א"ז ישיר משה", א"ז איז דאך די 'שמונה ימי מילה', שטייט אויך א"ז.

---

[לו] עיין ליקוטי הלכות הל' חנוכה ה"ג אות ג': וְזֶה בְּחִינַת הַהַזָּאוֹת שֶׁל הַכֹּהֵן גָּדוֹל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים לִפְנַי וְלִפְנִים וּבַהֵיכָל, שֶׁהָיוּ אַחַת לְמַעְלָה וְשֶׁבַע לְמַטָּה, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר אוֹר הָאַהֲבָה שֶׁבַּדַּעַת, שֶׁהוּא בְּחִינַת אַחַת לְמַעְלָה, בַּשֶּׁבַע שֶׁלְּמַטָּה, שֶׁהֵם בְּחִינַת שֶׁבַע מִדּוֹת שִׁבְעָה יָמִים, שֶׁהוּא בְּחִינַת אַהֲבָה שֶׁבַּמִּדּוֹת וּזְמַן, **כִּי שָׁמַעְתִּי שֶׁשְּׁמוֹנַת יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם כְּנֶגֶד שְׁמוֹנֶה הַזָּאוֹת שֶׁל הַכֹּהֵן גָּדוֹל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים**, הַיְנוּ כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן הָיָה מוֹנֶה הַהַזָּאָה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁלְּמַעְלָה עִם כָּל הַשֶּׁבַע שֶׁלְּמַטָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, **אַחַת, אַחַת וְאַחַת, אַחַת וּשְׁתַּיִם וְכוּ'**, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר אוֹר דִּלְעֵלָּא, בְּחִינַת הָאַהֲבָה שֶׁבַּדַּעַת, בְּחִינַת אַחַת לְמַעְלָה, בַּשֶּׁבַע שֶׁלְּמַטָּה, בִּבְחִינַת שִׁבְעָה יָמִים וּמִדּוֹת כַּנַּ"ל.

[לז] יומא דף נ"ה ע"א.

[לח] 'ליקוטי הלכות' הל' חנוכה ה"ב, אות ד': וְזֶה בְּחִינַת שְׁמוֹנָה יְמֵי מִילָה, כִּי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לֹא בָּרָא אֶת הָאָדָם מָהוּל, כְּקֻשְׁיוֹת הָאֶפִּיקוֹרְסִים, וְהַטַּעַם הוּא כְּדֵי שֶׁיַּעֲבֹר הָאָדָם דֶּרֶךְ הָרַע, וְאַחַר כָּךְ מַכְנִיעִין אוֹתוֹ וְחוֹתְכִין הָעָרְלָה שֶׁהוּא הָרַע, וְאָז יֵשׁ יִתְרוֹן הָאוֹר מִן הַחֹשֶׁךְ, 'מִן הַחֹשֶׁךְ' דַּיְקָא, כִּי כְּשֶׁמְּהַפְּכִין חֹשֶׁךְ לְאוֹר, רַע לְטוֹב, הוּא תַּכְלִית הַשְּׁלֵמוּת, כַּנַּ"ל, וְאָז נַעֲשֶׂה בְּחִינַת שְׁמוֹנָה יְמֵי מִילָה, שֶׁנִּכְלָלִין כָּל הַשְּׁמוֹנָה יָמִים בִּקְדֻשָּׁה, בִּבְחִינַת ח' אוֹתִיּוֹת הַנַּ"ל, בְּחִינַת ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד כַּנַּ"ל.

[לט] עיין גמ' עירובין דף מ' ע"ב.

[מ] עיין 'ילקוט שמעוני' על הפסוק 'אז ישיר משה': א' אחד, ז' שבעה, הרי שמונה; אמר משה, בזכות המילה שניתנה לשמונה נקרע הים ב"אָז" נְקַלֵּס.

***וְהָיָה מְצַיֵּר בְּהַסֵּפֶר כֵּלִים וּבְתוֹךְ הַכֵּלִים הָיוּ אוֹתִיּוֹת. גַּם הָיָה בְּתוֹךְ הַכֵּלִים אוֹתִיּוֹת שֶׁל הַכֵּלִים שֶׁיְּכוֹלִין לַעֲשׂוֹת עַל יָדָם אֵלּוּ הַכֵּלִים.***

אַה, אונזערע לייט פלעגן דא מדייק זיין; דער רבי רעדט אסאך מאל פון 'דער' זאך צו פון 'דער' זאך; דארט אין דעם ספר אליין איז דא די אותיות וואס מען זאל קענען קומען צו דער זאך און צו דער זאך. אט דאס זאגט ער, 'עס איז דא כלים - און דארטן איז דא אותיות וואס דורך די אותיות קען מען מאכן די כלים'[מא].

דער רבי האט געזאגט טאקע: **"איך דארף אייך געבן די געצייג אויך!"**[מב].

דעם רבי'נס ספרים - דארט איז דא אזעלכע אותיות וואס מען קען מיט דעם מאכן די כלים!

***וְהָיָה לוֹ חֵשֶׁק מְאֹד לִלְמֹד אֶת הַסֵּפֶר.***

אַה, דאס גרויסקייט פון לערנען דעם רבי'נס ספרים - דאס איז א באזונדערע זאך, א באזונדערע אמונה האבן, האבן א חשק צו לערנען דעם רבי'נס ספרים.

ווען איך בין געקומען קיין אומאן, איז געווען דארט איינער א בחור, א חתן פון לאדז, א גרויסער למדן געווען, א תלמיד ביי דעם אסטראווצער רב, א למדן עצום א בקי בש"ס. האט דער בחור געמאכט מיט מיר א שיעור - לערנען אלע טאג צוויי שעה דעם רבי'נס ספר. מיר האבן געלערנט 'ליקוטי הלכות' מיט 'ליקוטי מוהר"ן'.

האט דער בחור געזאגט: אזא חיות אזוי ווי ער פילט אין דעם ספר - - עפעס א געוואלד, א געוואלד - אַה!

---

[מא] עיין 'ביאור הליקוטים' בה'ח"י כללים' - כלל הרביעי: **בדבר הכֵּלִים הנזכרים בחיי מוהר"ן** [סיפורים חדשים אות ה'], **אשר בהם בעצמם [נמצאים] כלי המלאכה שנפעלים על ידם**. כי עיקר כל השגה מהשגותיו, תתפעל ותהיה בהתיקונים להמשכת ותועלת השגות התורה שנמצאים בה בעצמה, כעין המבואר לקמן סי' ו' וסימן ס' ליקוטי א', וסי' ז' ליקוטי תניינא, ועוד בכמה מאמרים, וכו' עיין שם בפנים.

[מב] 'חיי מוהר"ן' שי"א: אָמַר אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כֵּלִים נִפְלָאִים מְאֹד רַק הַחִסָּרוֹן שֶׁאֲנִי בְּעַצְמִי מֻכְרָח לַעֲשׂוֹת בְּעַצְמִי אֶת הַכְּלֵי אֻמָּנוּת שֶׁקּוֹרִין גִּיצַייג; עיין עוד 'ליקוטי הלכות' הל' ערבית ה"ד אות ל"ד.

## 'רצוא ושוב'

*בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ.*

דאס איז א מוסר השכל, וואס אין דעם עולם קען זיין, מען האט אים שוין אויפגעהויבן צוויישן צווי בערג, און געזעהן אזא 'ספר', אזעלכע הויכע געדאנקען, ממש למעלה מן הישוב, אבער ער איז צוריק אין שטוב[מג].

אט דאס איז דער כח הצדיק, דאס איז אזוי גרויס, אז ער קען איינעם געבן א הויב![מד] פונדעסטוועגן דארף ער וויסן - לאז דיך נישט נארן, ווייס אז דו ביסט נאך אין שטוב, דו ביזט נאך נישט פארטיג! - 'ער איז צוריק אין שטוב'.

*חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא שָׁם*

- ער איז דארטן אין דעם 'גיא' מיט דעם ספר.

***וְהִתְיַשֵּׁב עַצְמוֹ לַעֲלוֹת אֶל הָהָר, אוּלַי יִמְצָא שָׁם אֵיזֶה יִשּׁוּב, וּכְשֶׁבָּא אֶל הָהָר, רָאָה עוֹמֵד שָׁם אִילָן שֶׁל זָהָב עִם עֲנָפִים שֶׁל זָהָב, וְעַל הָעֲנָפִים תְּלוּיִים כֵּלִים כְּמוֹ אֵלּוּ הַכֵּלִים הַמְצֻיָּרִין בַּסֵּפֶר, וּבְתוֹךְ הַכֵּלִים הָיוּ כֵּלִים שֶׁעַל יָדָם עוֹשִׂים אֵלּוּ הַכֵּלִים, וְהָיָה חָפֵץ לִקַּח מִשָּׁם הַכֵּלִים, וְלֹא הָיָה יָכוֹל, מֵחֲמַת שֶׁהָיוּ נִסְבָּכִים שָׁם עַל הָעֲנָפִים שֶׁהָיוּ בְּעַקְמִימִיּוּת.***

---

[מג] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת השחר ה"ה אות צ"ב: וְהַכְּלָל כִּי בֶּאֱמֶת בִּפְנִימִיּוּת הַלֵּב שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד יוֹדֵעַ הֵיטֵב שֶׁאֵין שׁוּם תַּכְלִית מִזֶּה הָעוֹלָם וְתַאֲוֹתָיו וַהֲבָלָיו כַּיָּדוּעַ לַכֹּל וְכַמְבֹאָר לְעֵיל מִזֶּה. וּבִפְרָט לֵב שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי שֶׁהוּא מִזֶּרַע אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב שֶׁהָיוּ עִקַּר נְדִיבֵי לֵב וְכוּ' כַּנַּ"ל וְנַפְשׁוֹתֵינוּ מֻשְׁרֶשֶׁת מֵהֶם, עַל כֵּן **לֵב שֶׁל כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי בִּפְנִימִיּוּתוֹ בְּוַדַּאי הוּא בּוֹעֵר תָּמִיד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה בֶּאֱמֶת. אַךְ אַף עַל פִּי כֵן מִגֹּדֶל כֹּחַ הַבְּחִירָה כִּי אֶת זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה אֱלֹקִים, עַל יְדֵי זֶה מִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם הַשָּׂטָן וְהַיֵּצֶר הָרָע וְהַמַּחֲשָׁבוֹת רָעוֹת נֶגֶד הַטּוֹב שֶׁבָּאָדָם וְרוֹצֶה לְהַטְרִידוֹ חַס וְשָׁלוֹם מִשְּׁנֵי עוֹלָמוֹת עַל יְדֵי תַּאֲווֹתָיו וַהֲבָלָיו וְכוּ'**. וְכָל מַה שֶּׁחוֹתֵר וּמִתְגַּבֵּר כְּנֶגְדּוֹ הוּא מִתְגַּבֵּר יוֹתֵר. עַל כֵּן הִיא מִלְחָמָה גְּדוֹלָה וַאֲרֻכָּה מְאֹד.

[מד] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' י"ג, וזל"ש בקיצור (מליקו"ע): יֵשׁ נְפָשׁוֹת שֶׁהֵם פְּגוּמוֹת מְאֹד מְאֹד, וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁבָּאִים אֵצֶל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים, אַף עַל פִּי כֵן עֲדַיִן מְשֻׁקָּעִים בְּכָל הַתַּאֲווֹת וַעֲדַיִן לֹא יָצְאוּ מֵחֹל אֶל הַקֹּדֶשׁ אֲפִלּוּ כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה. וּנְפָשׁוֹת כָּאֵלּוּ בְּוַדַּאי אִי אֶפְשָׁר לְהַעֲלוֹתָם וּלְחַדְּשָׁם בִּבְחִינַת עִבּוּר. **אֲבָל יֵשׁ צַדִּיק שֶׁגָּדוֹל בְּמַעֲלָה נִפְלָאָה וְנוֹרָאָה כָּל כָּךְ, עַד שֶׁאֲפִלּוּ נְפָשׁוֹת פְּגוּמוֹת כָּאֵלּוּ הוּא יָכוֹל לְהַעֲלוֹתָם בִּבְחִינַת** עִבּוּר וּלְחַדְּשָׁם לְטוֹבָה.

אבער ער האט געהאט השתוקקות עס צו נעמען, נאר ער האט נישט געקענט. ער האט געהאט אזא מין השתוקוק, אזא מין תשוקה צו נעמען פון די כלים - און ער קען נישט, ווארום בידיים נעמען א זאך לאזט מען נישט, נאר אז דו ווילסט - 'בענק'; עס וועט קומען די צייט וואס דו וועסט קומען צו דעם; אבער הער נישט אויף צו ווערן!

*בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ.*

נאך אזעלכע 'אורות' וואס ער האט שוין געזעהן דא, אזעלכע ליכטיגקייטן - אבער ער איז ווידער ביי זיך אין שטוב!

עס איז א מוסר השכל; די גמרא זאגט[מה], 'אפילו די גאנצע וועלט זאגט דיר דו ביסט א צדיק - דו זאלסט זיך אבער אין דעם עולם נישט לאזן נאַרן'[מו].

מען שענקט אמאל א גוטע מינוט, א גוטע שעה, מען טוהט גוטע זאכן, אבער מיין נישט אז דאס איז דיינ'ס, אז דו ביסט שוין א פארטיגער - ניין, דאס איז נאר א מתנה פון אויבן, מען וויל אז דו זאלסט געדענקען אז ווען מען וועט צונעמען בי דיר די מתנה - זאלסטו געדענקען אז עס איז דא גוטע זאכן! דו מיינסט דאך אז עס איז נאר דא 'דאס' - ניין, עס איז דא גוטע זאכן![מז]

דער רבי רעדט טאקע אין תורה ס"ה, אפילו ביי 'התבודדות' (- ביטול) איז אויך דער

---

[מה] נדה דף ל' ע"ב: אפילו כל העולם כולו אומרים לך צדיק אתה, היה בעיניך כרשע.

[מו] עיין שיחות הר"ן אות נ"א: אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת. שֶׁלֹּא יַטְעֶה אוֹתוֹ הָעוֹלָם.

[מז] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' ד' אות ט': **וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים, שֶׁלִּפְעָמִים נִתְלַהֵב אָדָם בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה** וְאוֹמֵר כַּמָּה תֵּבוֹת בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, **זֶה בְּחֶמְלַת ה' עָלָיו**, שֶׁנִּפְתַּח לוֹ אוֹר אֵין סוֹף וְהֵאִיר לוֹ. וּכְשֶׁרוֹאֶה אָדָם הַהִתְנוֹצְצוּת הַזֹּאת, אַף עַל גַּב דְּאִיהוּ לָא חָזֵי מַזְלֵיהּ חָזֵי (מְגִלָּה ג.), תֵּכֶף נִתְלַהֵב נִשְׁמָתוֹ לְדִבֵקוּת גָּדוֹל, לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּאוֹר אֵין סוֹף, וּכְשִׁעוּר הִתְגַּלּוּת אֵין סוֹף, לְפִי מִנְיַן הַתֵּבוֹת שֶׁנִּפְתְּחוּ וְהִתְנוֹצְצוּ, כָּל אֵלּוּ הַתֵּבוֹת אוֹמֵר בִּדְבֵקוּת גָּדוֹל וּבִמְסִירַת נַפְשׁוֹ וּבְבִטּוּל כֹּחוֹתָיו ... **אֲבָל זֹאת הַבְּחִינָה צָרִיךְ לִהְיוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב**, וכו' עיי"ש; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' שילוח הקן ה"ה אות ט"ו: כְּמוֹ־כֵן הוּא בַּעֲבוֹדַת ה' **שֶׁבִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת מְסַיְּעִין לְהָאָדָם** וּמוֹלִיכִין אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר. וְעַל כֵּן אֵין חֹזֶק כִּתְחִלַּת הַחֲסִידוּת **וְאַחַר כָּךְ נוֹפֵל מֵהִתְלַהֲבוּת הַזֹּאת**, כִּי מְסַלְּקִין מִמֶּנּוּ הַהִתְלַהֲבוּת שֶׁבָּא עָלָיו מִלְמַעְלָה וּמַנִּיחִין לוֹ לֵילֵךְ בְּעַצְמוֹ, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת פֶּסַח וּסְפִירָה כַּנַּ"ל. **וְעִנְיָן זֶה מִתְנַהֵג בְּכָל אָדָם כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר בְּכַמָּה וְכַמָּה בְּחִינוֹת שׁוֹנוֹת**; גם עיין שם הל' פסח ה"ז אות ט"ז.

עיקר די 'רשימו' וואס עס בלייבט נאכדעם[מח]. 'התבודדות' איז נישט אויף 'כסדר', דער עיקר איז נאר וואס עס בלייבט איבער דערפון, וואס עס בלייבט דיר איבער אויף שפעטער! דו זאלסט געדענקען דאס חיות דערפון אויף שפעטער; עס דארף דאך בלייבן עפעס א 'רשימו' אויך שפעטער, עס זאל בלייבן א 'השתוקקות', א גוטער 'רצון'.

## אני הולך אצלך

*וְהָיָה לוֹ פְּלִיאָה גְּדוֹלָה מַה זֹּאת שֶׁהוּא פַּעַם בְּכָאן וּפַעַם שָׁם*

- 'אט בין איך 'דא', אט בין איך 'דארטן', וואס איז דאס?!'

*וְהָיָה חָפֵץ לְסַפֵּר זֹאת לִבְנֵי אָדָם, אַךְ אֵיךְ מְסַפְּרִין פְּלִיאָה כָּזוֹ לִבְנֵי אָדָם מַה שֶּׁאֵין רָאוּי לְהַאֲמִין.*

דער ענין פון רבי'נס זאך איז טאקע אזוי, א מענטש הויבט אָן מקורב ווערן, ער הויבט אָן צו קאכן, ער האט א גוטע מינוט - אויב ער רעדט מיט איינעם וואס איז כאטש אויך אין דער זאך - קען ער טאקע; אבער א פרעמדער לאכט זיך אויס - 'ברסלב'ער מעשיות'... ווער וועט אים וועלן גלויבן די מעשה?! ווער וועט אים וועלן גלויבן דער זאך?! עס איז גארנישט ראוי צו גלויבן דאס!

*בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל מִן הַחַלּוֹן*

- ער איז אין שטוב און קוקט ארויס פון פענסטער.

*וְרָאָה אֶת הָאוֹרֵחַ הַנַּ"ל*

- דעם צדיק. אפילו מען איז אין שטוב, אבער איך קוק ארויס דורכ'ן פענסטער - האט ער דערזעהן דעם 'אורח'. ער איז שוין געווען אין שטוב, און דער אורח איז נישט

---

[מח] עיי"ש אות ד': אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת תָּמִיד קָבוּעַ בִּבְחִינוֹת הַבִּטּוּל, כִּי אִם כֵּן יֵצֵא מִגֶּדֶר אֱנוֹשִׁי, וְעַל כֵּן מֻכְרָח שֶׁיִּהְיֶה הַבִּטּוּל בִּבְחִינוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב.

אריינגעגאנגען אין שטוב אריין. אבער אפילו מען איז אין שטוב - גיב א העכערן קוק, גיב א קוק, א העכערע זאך[מט]. האט ער דערזעהן דעם אורח.

*וְהִתְחִיל לְבַקֵּשׁ אוֹתוֹ מְאֹד שֶׁיָּבוֹא אֶצְלוֹ.*

דא איז אלץ אזעלכע ווערטער! יעדעס ווארט איז אויף 'לעובדא ולמעשה'! 'בעט דעם צדיק ער זאל אריינקומען צו מיר, ער זאל זיין ביי מיר'. עס איז זייער גוט אז מען בעט דעם אורח - 'קום אריין צו מיר אין שטוב אריין'; אז דער צדיק וועט זיין ביי מיר אין שטוב, אוודאי, וועט אלע הנהגות זיין אזוי ווי דעם רצון פון דעם צדיק, 'קום נאר אריין צו מיר אין שטוב'.

*וְאָמַר לוֹ: אֵין לִי פְּנַאי כִּי אֲנִי הוֹלֵךְ אֶצְלְךָ*

- אזעלכע וואונדערליכע ווערטער!

*אָמַר לוֹ: זֶה בְּעַצְמוֹ נִפְלָאת בְּעֵינַי, הֲרֵי אֲנִי כָּאן וּמַה זֶּה שֶׁאַתֶּם הוֹלְכִים אֶצְלִי?*

*הֵשִׁיב לוֹ: בְּשָׁעָה שֶׁנִּתְרַצִּיתָ לֵילֵךְ עִמִּי לְלַוּוֹת אוֹתִי מִן הַפֶּתַח, אָז לָקַחְתִּי מִמְּךָ הַנְּשָׁמָה וְנָתַתִּי לָהּ לְבוּשׁ מִן הַגַּן־עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן, וְהַנֶּפֶשׁ רוּחַ נִשְׁאַר אֶצְלְךָ, וְעַל־כֵּן כְּשֶׁאַתָּה מְדַבֵּק מַחֲשַׁבְתְּךָ לְשָׁם, אַתָּה שָׁם וְאַתָּה מַמְשִׁיךְ הֶאָרָה מִמֶּנּוּ אֵלֶיךָ. וּכְשֶׁאַתָּה חוֹזֵר לְכָאן אַתָּה כָּאן.*

אה, די מחשבה! "במקום שחושב השכל - שם כל האדם"! וואו דער מענטש איז מקשר דעם געדאנק - דארטן איז ער![נ]

[מט] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' פקדון ה"ד אות י"א: **וַאֲפִלּוּ אִם הוּא כְּמוֹ שֶׁהוּא** אַף עַל פִּי כֵן **כָּל זְמַן שֶׁתּוֹלֶה עֵינָיו לַמָּרוֹם** וְשׁוֹמֵר וּמְצַפֶּה וּמַמְתִּין לִישׁוּעָתוֹ יִתְבָּרַךְ **עַל יְדֵי זֶה בְּעַצְמוֹ יָחוּס וְיַחֲמֹל עָלָיו ה' יִתְבָּרַךְ וִיקָרְבֵהוּ לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת וְיִתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה.**

[נ] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' כ"א אות י"א, בסופו: עִקַּר הָאָדָם הוּא הַשֵּׂכֶל, וְעַל כֵּן **בְּמָקוֹם שֶׁחוֹשֵׁב הַשֵּׂכֶל, שָׁם כָּל הָאָדָם**, וּכְשֶׁיּוֹדֵעַ וּמַשִּׂיג בִּידִיעַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא שָׁם מַמָּשׁ; מובא הרבה בספרי ה'תולדות' בשם הבעש"ט, עיין שם פר' חיי שרה אות ג', ועוד; מובא גם הרבה ב'דגל מחנה אפרים', עיין פר' וירא ד"ה 'והוא עומד עליהם'; גם עיין 'צדקת הצדיק' אות קמ"ד.

אז דער אויבערשטער העלפט אז מען לאזט אריין דעם צדיק צו זיך, מען לאזט אים אריין אין שטוב אריין, איז ער דארטן.

## ולא נסתיים

האט דער רבי אויסגעפירט:

*וְאֵינִי יוֹדֵעַ מֵאֵיזֶה עוֹלָם הוּא, מֵעוֹלָם טוֹב הוּא בְּוַדַּאי. וַעֲדַיִן לֹא נִגְמַר וְלֹא נִסְתַּיֵּם!*

דער רבי האט נישט געענדיגט דער זאך, "ועדיין **לא** נגמר ולא **נסתיים**" - די זאך איז נאכנישט געענדיגט!

'פון א גוטן עולם איז דאס געוועזן די מראה'...

מען פלעגט זאגן, דער ענין פון דעם 'צדיק' איז א זאך וואס עס ענדיגט זיך נישט, יעדן איינעם פירט דער צדיק - און ביי יעדן ענדיגט זיך עס נישט. נישט אז 'דאס איז עס', נאר עס גייט ווייטער און ווייטער! אז א מענטש זאל האבן 'אריכות ימים' - וויפיל ער זאל האבן - איז 'ולא **נסתיים**', ווילאנג ער האלט זיך אינעם צדיק איז עס נאכנישט 'נגמר', עס איז נאכנישט אויסגעלאזט, עס גייט און גייט.

נאר דער עיקר איז, אז איינער איז אין א בלאטע, אויב ער וועט שטיין אין דער בלאטע, וועט ער גיין נאך טיפער, מוז ער דאך - ארויס א פוס, איז דאך ווייטער בלאטע; "**א פוס אריין - א פוס ארויס' - דער לעצטער טראָט וועט זיין אינדערויסן!**"[נא].

ווען איז דער לעצטער טראָט? 'ביום האחרון' דאס איז דער לעצטער טראָט![נב] אבער אז ער שטייט איין אין דער בלאָטע, גייט ער טיפער.

---

[נא] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות קכ"ב: רבינו הקדוש אמר: "**אז מען פאלט אין בלאטע, טאר מען דארט נישט בלייבן, נאר א פוס אריין - א פוס ארויס, א פוס אריין - א פוס ארויס; און דער לעצטער פוס וועט שוין זיין אינדרויסן!**".

[נב] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכות השחר ה"ה, אות מ"ב מה שביאר עה"פ 'ובא השמש וטהר' וכו'.

"טבעתי ביון מצולה ואין מעמד"[נג]; אזוי איז טייטש 'ואין מעמד' - איך קען נישט איינשטיין. אבער אונזערע לייט טייטשן פארקערט, דאס איז א שבח, אז 'טבעתי ביון מצולה', איז די עצה - 'שטיי נישט', גיי ארויס! איי דארטן איז דאך ווידער א בלאָטע, איז גיי ווייטער, 'ואין מעמד' - 'שטיי נישט', טאמער דו וועסט שטיין, וועסטו גיין טיפער! גיי, גיי! אז דו וועסט וועלן באמת ארויס פון דער בלאטע, וועט דער לעצטער טראט שוין זיין אינדרויסן, און אזוי אלע יארן[נד].

דער רבי האט דערמאנט פון דעם 'יסוד ושורש העבודה', אז ער האט געגעבן א קנאק פארן הסתלקות מיט א שמחה: 'איבערגעשפרונגען דער וועלט'![נה].

די צדיקים האבן טאקע א מלחמה, זיי האבן נישט קיין נייחא, "ילכו מחיל אל חיל" - 'אין להם ניחא בעולם הזה"[נו]. גיי ווייטער! ווילסט האבן א נייחא בעולם הזה?! דא קענסטו נישט האבן קיין 'נייחא'.

'ולא נסתיים' - דער רבי זאגט ביי דער ערשטער מעשה; "און ווי אזוי ער האט זי ארויסגענומען האט ער נישט דערציילט"!". ווייטער אין דער מעשה פון 'זבוב ועכביש', די מעשה פון דער 'פליג' מיט דעם 'שפין'[נז], (זאגט דארט דער רבי:) "און וואס

---

[נג] תהלים סח, ג.

[נד] עיין 'שיחות הר"ן' אות קכ"ט: **אֲפִלּוּ אַז מֶע פַאלְט אִין אַבְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען און מֶען שְׁרַייט און מֶען שְׁרַייט און מֶען שְׁרַייט!**"; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' אונאה ה"ג אות ב': גֹּדֶל הָרַחֲמָנוּת שֶׁיֵּשׁ עַל אֲנָשִׁים כָּאֵלּוּ שֶׁטּוֹבְעִים **בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד** אֵין לְשַׁעֵר, הַמָּקוֹם יְרַחֵם עֲלֵיהֶם. וּבַמֶּה אֶפְשָׁר לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ וְלִשָּׁאֵר עַל עָמְדוֹ בִּנְפִילָה וִירִידָה כָּזוֹ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֵאַחַר שֶׁאֵין שָׁם שׁוּם מָעֳמָד, כִּי נִתְרַחֵק מִכָּל הַקְּדֻשּׁוֹת וְשׁוֹקֵעַ וְטוֹבֵעַ בְּכָל יוֹם בַּמֶּה שֶׁטּוֹבֵעַ. **עַל כֵּן הָעִקָּר הוּא תְּפִלָּה וּצְעָקָה וַאֲנָחָה לַה' יִתְבָּרַךְ** וּכְמוֹ שֶׁאָמַר שָׁם דָּוִד אַחַר שֶׁהֶאֱרִיךְ בְּגֹדֶל צָרוֹת הַנֶּפֶשׁ שֶׁיֵּשׁ עַל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל לְפִי עִנְיָנוֹ בִּבְחִינַת 'טָבַעְתִּי בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד וְכוּ' יָגַעְתִּי בְקָרְאִי וְכוּ' רַבּוּ מִשַּׂעֲרוֹת רֹאשִׁי שֹׂנְאַי חִנָּם וְכוּ'". אַחַר כָּךְ אָמַר, וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן וְכוּ'". שֶׁאֲנִי אַחֲזִיק עַצְמִי לְעוֹלָם בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים לַה' יִתְבָּרַךְ אוּלַי יְרַחֵם, **שֶׁתְּפִלָּה הִיא בְּחִינַת מָעֳמָד וּמָקוֹם אֲפִלּוּ בִּיוֵן מְצוּלָה שֶׁאֵין שָׁם שׁוּם מָעֳמָד**, כִּי הַתְּפִלָּה נִקְרֵאת עֲמִידָה, כִּי **'אֵין עֲמִידָה אֶלָּא תְּפִלָּה'** כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַזַ"ל (בְּרָכוֹת ו':).

[נה] חיי מוהר"ן אות תקכ"ב.

[נו] עפ"י לשון הגמ' ברכות דף ס"ד ע"א: תלמידי חכמים אין להם מנוחה לא בעולם הזה ולא בעולם הבא, שנאמר ילכו מחיל אל חיל וכו'.

[נז] מעשה ז' מספה"ק סיפורי מעשיות.

מיט דער פליג האט זיך געטוהן וועל איך אייך נישט דערציילן!". פון דער שפין איז צום סוף 'גאר ניט געבליבן', נאר וואס מיט דער 'פליג' האט זיך געטוהן - דאס האט דער רבי נישט דערציילט; וואס מיט יעדן מענטש טוהט זיך איבער (דאס קען מען נאכנישט דערציילן...)[נח].

* * *

## הסוד של חנוכה

אונזערע לייט פלעגן ליינען דארטן דער זאך (- דער מראה) 'זאת חנוכה' נאך די חנוכה ליכט, די לעצטע נאכט. מען פלעגט זיך צונויפקומען ביי דער נאכט נאך ליכט-צינדן, נישט לאנג, מען האט פארברענגט, געזעצן אביסל צוזאמען.

דארטן איז דאך געווען אַן ארעמקייט; דא אז מען פארברענגט, איז דא מיט וואס צו פארברענגען, מען גרייט צו אסאך מזונות, מען גרייט צו אסאך טרינקען; דארטן איז גארנישט געווען, ממילא איז עס נישט געווען קיין סאך צייט. ווען מען האט דאס געליינט איז געווען ממש 'אכילה ושתיה וכל טוב'!

מען האט פארבראכט ביי ר' שמשון'ען אין שטוב. רבי אברהם ר' נחמן'ס איז אויך אמאל געזעצן דארט ביי ר' שמשון'ען 'זאת חנוכה'. מען פלעגט זינגען די נוסחאות פון יום־כיפור ביינאכט.

(השואל: מען פלעגט רעדן פון יום כיפור?) מען האט גערעדט גוטע דיבורים.

(השואל: דער רבי זאגט דאך, עס האט א שייכות 'חנוכה' מיט 'יום כיפור') אוודאי, מען האט דאך איצטער גערעדט אז די אכט הזאות איז קעגן די אכט.

---

[נח] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' שילוח הקן ה"ה אות ב': וְכֵן אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג גְּדֻלַּת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל אֲפִלּוּ שֶׁל הַפְּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים וּמַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה עִם כָּל אֶחָד וְעַל מָה אָתֵי לְהַאי עָלְמָא וּמַה יִּהְיֶה מִמֶּנּוּ וְכוּ'; גם עיין 'עלים לתרופה' במכתב מי"ג ניסן תקצ"ג: כִּי לֹא דָּבָר רֵיק הוּא מַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה עִמָּנוּ בְּכָל יוֹם וָיוֹם עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּפְרָט עִמְּךָ וְעִמִּי, וּמָשִׁיחַ יְסַפֵּר לְכָל אֶחָד מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה עִמּוֹ בְּכָל יוֹם; גם עיין שם במכתב מיום א' בהעלותך תקצ"ג: וְכָל מַה שֶּׁשָּׁמַעְתָּ מִפִּי, מִכֻּלָּם תּוּכַל לְהָבִין, שֶׁהוּא מַעֲשֶׂה גְּדוֹלָה עֲמֻקָּה וְנוֹרָאָה מְאֹד מְאֹד, מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה עִם הָאָדָם בְּזֶה הָעוֹלָם, וְעִם כָּל אֶחָד נַעֲשָׂה מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה; וכן עוד שם.

דער רבי זאגט טאקע אין דער תורה "כי מרחמם ינהגם"[נט], 'ווערליג מען איז זוכה צו פועל'ן 'סלח נא' - אזא חנוכה האט מען!' - האט דאך א שייכות 'יום־כיפור' מיט 'חנוכה'. אין דעם פסוק: "סלח נא לעון העם ה'זה כ'גודל ח'סדך ו'כאשר נ'שאתה" איז דארטן דא דער צירוף פון חנוכ"ה.

דער רבי זאגט דארטן[ס]: "ומשה זכה לסוד חנוכה" - משה האט זוכה געווען צו דעם סוד. וואס איז דער סוד פון 'חנוכה'? אז מען זאל שרייען צום אויבערשטן 'סלח נא'!

ווערליג דער בקשת 'סלח נא' - אזא חנוכה האט מען!

"ומשה זכה לסוד חנוכה"!

עס שטייט: "וַיַּרְא ה' כִּי סָר לִרְאוֹת"; זאגט דער רבי - 'סר וזעף'. עס איז א לשון המדרש[סא], משה רבינו, באלד ביים אנהויב איז ער שוין געווען 'סר וזעף' - פארצארנט, ווייל ער האט געזעהן אז עס וועט זיין דער חורבן בית המקדש, דער אויבערשטער האט דאס אים געוויזן ביים 'סנה'. איז ער געווען פארצארנט - 'וואס וועלן אידן טוהן אז זיי וועלן נישט האבן קיין בית המקדש?!'.

דער צדיק, באלד ביים אנהויב התקרבות איז ער שוין געווען פאַרצאָרנט - 'וואס וועלן אידן טוהן אז זיי וועלן נישט האבן קיין בית המקדש?!'

---

[נט] אות י"א, וזל"ש: כָּל אֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁזּוֹכֶה לִפְעֹל בַּקָּשַׁת סְלַח נָא בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִתְתַּקֵּן פְּגַם חֻרְבַּן הַבַּיִת, כְּמוֹ כֵן נַעֲשֶׂה בְּחִינַת חֲנֻכַּת הַבַּיִת, בְּחִינַת חֲנֻכָּה. נִמְצָא שֶׁחֲנֻכָּה נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי סְלַח נָא כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן רָמַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, צֵרוּף חֲנוּכָּה בַּפָּסוּק סְלַח נָא, כִּי סְלַח נָא לַעֲוֹן הָעָם הַ'זֶּה כְּ'גֹדֶל חַ'סְדֶּךָ וְ'כַאֲשֶׁר נָ'שָׂאתָה וְכוּ' הוּא רָאשֵׁי תֵבוֹת חֲנוּכָּה, כִּי חֲנֻכָּה נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי סְלַח נָא וְכוּ' כַּנַּ"ל.

[ס] שם בהמשך: **וּמֹשֶׁה רַבֵּנוּ זָכָה לְסוֹד חֲנֻכָּה**, עַל יְדֵי שֶׁמָּסַר נַפְשׁוֹ בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל וְנָתַן לִבּוֹ עֲלֵיהֶם לְהִסְתַּכֵּל בְּצָרָתָם, כִּי הוּא הָיָה רַחֲמָן וּמַנְהִיג אֲמִתִּי כַּנַּ"ל. וְעִקַּר צָרַת יִשְׂרָאֵל הוּא הַמַּשָּׂא שֶׁל עֲווֹנוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן בִּקֵּשׁ עֲלֵיהֶם סְלַח נָא כַּנַּ"ל, וְעַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת חֲנֻכָּה, בְּחִינַת חֲנֻכַּת הַבַּיִת, שֶׁבְּזֶה תָּלוּי תִּקּוּן כָּל הַבְּחִינוֹת הַנַּ"ל, כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ חֲנוּכָּה חָנוּ כ"ה, הַיְנוּ כ"ה בְּכִסְלֵו. **כִּסְלֵיו הוּא אוֹתִיּוֹת: "וַיַּרְא ה' כִּי סָר לִרְאוֹת"** (שְׁמוֹת ג) כִּי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ נָתַן לִבּוֹ לְהִסְתַּכֵּל בְּצָרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל. וְזֶהוּ: **'כִּי סָר לִרְאוֹת לְשׁוֹן סַר וְזָעֵף'** (מְלָכִים א כ"א) וְעִקַּר צָרָתָן הוּא הַמַּשָּׂא שֶׁל עֲווֹנוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, כַּנַּ"ל.

[סא] שמות רבה ב, ו': אָמַר רַבִּי יִצְחָק, מַהוּ **'כִּי סָר לִרְאוֹת'**? אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, **סָר וְזָעֵף** הוּא זֶה לִרְאוֹת בְּצַעֲרָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם, לְפִיכָךְ רָאוּי הוּא לִהְיוֹת רוֹעֶה עֲלֵיהֶן, מִיָּד 'וַיִּקְרָא אֵלָיו אֱלֹקִים מִתּוֹךְ הַסְּנֶה'.

**האט אים דער אויבערשטער מודיע געווען דעם סוד פון 'חנוכה' - "סלח נא!" שרייען צום אויבערשטן "סלח נא!" - אט דאס איז דער סוד פון 'חנוכה'; דארטן איז דא דער צירוף פון חנוכה!**

"משה זכה לסוד חנוכה", אז דורך בקשת 'סלח נא' איז מען זוכה צו 'חנוכה'.

אין דעם "סלח נא לעון ה'זה כ'גודל ח'סדך ו'כאשר נ'שאתה איז דא דארטן חנוכ"ה; "סלח נא לעון העם" דאס איז 'חנוכה'!

**און נישט מען זאל דאס שרייען נאר יום כיפור - נאר א גאנץ יאר!**[סב]

"ומשה זכה לסוד חנוכה"; האט ער אים 'שוין' מודיע געווען דעם סוד פון חנוכה; אז עס וועט נישט זיין קיין בית המקדש, וועט זיין דער 'סלח נא לעון העם'.

---

[סב] עיין 'עלים לתרופה' במכתב מאור ליום ד' ויצא תקצ"ו: **וְגַם עַתָּה עֲדַיִן צְרִיכִין לְהִתְפַּלֵּל שֶׁיִּתְקַבֵּל הַסְּלַח נָא שֶׁל יוֹם כִּפּוּר, כִּי בְּכָל יוֹם צְרִיכִין לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת קְדֻשַּׁת יוֹם כִּפּוּר שֶׁמַּמְשִׁיכִין בְּכָל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ. וּכְמוֹ כֵן זוֹכִין לַחֲנֻכַּת הַבַּיִת** שֶׁהוּא בְּחִינַת הֶאָרַת בֵּן וְתַלְמִיד לְהוֹדִיעַ לְדָרֵי מַעְלָה וּלְדָרֵי מַטָּה גְּדֻלָּתוֹ וּמַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ וְכוּ'. וְהָעִקָּר הוּא לְהוֹדִיעַ בְּזֶה הָעוֹלָם הַשָּׁפֵל לְכָל הַנְּמוֹכִים מְאֹד מְאֹד, כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, בִּבְחִינַת הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שׁוֹכְנֵי עָפָר וְכוּ' וְכוּ'. **גֶעוַואלְד בְּרוּדֶער הַארְצִיקֶער**, אַל יַזְקִינוּ בְּעֵינֵיכֶם דְּבָרִים נוֹרָאִים חֲדָשִׁים כָּאֵלֶּה.